STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05141

# DOS ERSHTE FELD

Brokhe Burshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" № 4
ביילאגע צום זשורנאל נומ. 4, 1980

## בראָכע און אַרן בורשטיין

# ראָם ערשטע פעלד

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

דאָס פּאָרפאָלק בראָכע און ארן בורשטיין לעבט אין דער אוראַלער שטאָט פּערם. ביידע זײַנען זיי פון איין עלטער — געבוירן געוואָרן אין 1934. בראָכע איז הויפּט־קאָנסטרוקטאָר אין דער פּערמער אָפּטיילונג פון דער אלפּארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, ארן איז אן עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אין א טעכנישן וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. בראָכע האָט אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן געדרוקט אין רוסיש אין די אָרטיקע אויסגאבעס א ריי ארטיקלען, פארצייכענונגען, נאָוועלן. די ערשטע דערציילונגען אין יידיש האָבן ב. און א. בורשטיין פארעפנטלעכט אינעם נומ. 11 פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1976. פון דעמלט אָן דערשײַנען אינעם זשורנאל זייערע דערציילונגען און פארצייכענונגען, צווישן זיי — „אונדזער אלעפבייס", „טשוזשיק", „מײַן געבורטסטאָג", „שפּײַז פאר א גאָלדן פישעלע", „שוואָמען" און אנד.

# דער באַלעבאָס איבערן אויפֿרײַס

פון טאַשקענט ביז טשיטאַ האָט מוישע בורשטיין, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַקאַנט, זיך דערקליבן פאַר פינף שאָ מיטן עראָפּלאַן. אין טשיטאַ, ביז עס האָט זיך געגרייט דער ספּעציעלער עראָפּלאַן קיין אוסט־מוי, האָט ער שפּאַצירט איבער די גאַסן פון דער אַלטער סיבירער שטאָט. באַוואונדערט די אייגנאַרטיקע צאַפּנדיקע געבײַדעס, באַזוכט די ערטער, וואָס דערמאָנען אין די דעקאַבריסטן. דעם עראָפּלאַן האָט מען ענדלעך צוגעגרייט. ניט געקוקט אף דעם, וואָס דער זומער האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן, זײַנען די פּילאָטן געגאַנגען אָנגעטאָן אין וואַרעמע קורטקעס און אין הויכע, אַריבער די קני פוטערנע שטיוול. די אויסגערעכנטע באַוועגונגען, די וואַרעמע מאַלבושים און דער גאַנצער אויסזען פון די פּליער — דאָס אַלץ האָט אונטערגעשטראָכן די ערנסטקײַט פון דעם איניען, מיט וועלכן זיי פאַרנעמען זיך.

די נעסיע ביז אוסט־מוי איז דורכגעגאַנגען גאַנץ איינפאַך. אונטער די פליגל פונעם עראָפּלאַן האָט זיך צעשפּרייט אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג אַ טונקל־בלויע קאָלדרע פון וואַלד, אַ דורכגעשלענגלטע מיט הימל־בלויע אָדערן פון טײַכן. אין פאַרגלײַך מיט די נאַקעטע פאַרשנייטע בערג און געלבלעכע שטיקער מידבער פון מיטל־אַזיע איז אָט דער פּייזאַזש גאָר ניט קיין געוויינלעכער.

אין אוסט־מוי האָט ווידער געטראָפן אַן אָפּהאַלט. דאָס מאָל האָט מען געמוזט וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך אומקערן פון ערגעץ דער קאַפּיטאַן פונעם

אײן־און־אײנציקן אין יענע קאַנטן פּאַרקער־מיטל — אַ קלײנטשיק שיפּעלע מיט אַ פּיצינקער קאַיוטקע. דער קאַפּיטאַן — אײנצײַטיק דער רודערער און דער מאָטאָריסט — האָט זיך באַװיזן ערשט אפן דריטן טאָג. מע האָט גיך איבערגעביסן, אַרײַנגעװאָרפן אין שיפּל די נײטיקע כפייצים, און װײַטער אין װעג אַרײַן.

דאָס שיפּל איז געשװוּמען גיך. אין טײַך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דער טונקעלער טאַנען־װאַלד און די פּעלדזיקע אָפּרײַסן פון די ברעגן. ערטערװײַז האָט דאָס װאַסער אױסגעזען דערפון זײער טונקל, און עס האָט זיך געשפּירט אין דעם אַן אומגעהײערע טיפקײַט און אַ געהײמער פאַרבאַהאַלטענער קויעך. מוישע בורשטײן האָט זיך אײַנגעקוקט אין אָט דער טונקלקײַט: דער טײַך — קעגן יענע, באַקאַנטע פון מיטל־אַזיע — האָט גערעגט מיט זײַן מעכטיקײַט. אין זיקאָרן האָבן אױפגעלעבט ציפערן, װעלכע װערן אָנגערופן אין די פּראָיעקטן. 20 טױזנט קובאָמעטער װאַסער אַ רעגע טראָגט מיט זיך דורך דער טײַך! ביז דאַן פלעגט בורשטײנען אױסקומען האָבן צו טאָן מיט טײַכן, װעלכע האָבן אַפילע באַ די גרעסטע געװיסערן ניט איבערגעשטיגן קײן דרײַ־פינף קובאָמעטער אַ רעגע. אָבער אײן זאַך — װען עס רעדט זיך װעגן די דאָזיקע צװאַנציק טױזנט קובאָמעטער אפן פּאַפּיר, און גאָר עפּעס אַנדערש — דערזען דאָס באַשײַמפּערלעך: דעם דראַנג פונעם לעבעדיקן שטראָם, די װײַסע קאַמען אף די כװאַליעס באַ די דערטרונקענע פעלדזן, די װאַסער־װירבלען אַרום זײערע גלאַנציקע שפּיצן. אַ צױבער־װעלט! דער געדאַנק װעגן אַ רעאַלער מעגלעכקײַט צו פאַרװירקלעכן דאָס, װאָס ער האָט פאַרטראַכט, האָט איבערגעפולט זײַן האַרץ מיט הײסער פרײד. מאַכשאָװעס — פרײלעכע און ניט זײער — האָבן איבערגעיאָגט אײנע די אַנדערע, װי אָט די שטײַפע װאַסער־שטראָמען, װאָס דאָס שיפּל האָט אױסגעשלאָגן פון די װירבלענדיקע כװאַליעס. אין די אױערן איז אָן אױפהער געשטאַנען אַ נימעסער טראַסק פונעם מאָטאָר, און פון דעם אַלעמען איז בורשטײנען אונטערגעגאַנגען אַ קנויל אונטערן האַרצן און עטװאָס פאַרדרײט אים דעם קאָפּ.

דאָס שיפּל האָט זיך דערװײַל דערנעענטערט צו דער קינפּטיקער טראַסע פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. לױט דער קאַרטע נאָך האָט דאָ ערגעץ געדאַרפט זײַן אַ יישעוו ספּיצינאָ, נאָר עפּעס זעט מען אים אַלץ ניט. מע איז נאָך געשװוּמען לאַנג. שפּעט אָפּדערנאַכט האָט דער גאָלדענער זון־קײַלעך ענדלעך זיך צוגעקאַטשעט ביז צו די קרױנען פון

די ביימער, זיך צעשפּילט און צעגאָסן איבערן וואַסער מיט אַ וווּנדערלעכן גינגאָלד און זיך פֿויל אַראָפּגעלאָזט הינטערן וואַלד. דער וואַלד האָט טײַקעף אָנגעוווירן אַלע זײַנע קאָלירן און פֿעסט זיך אײַנגעקעשטעלט איבער די ברעגן פֿונעם טײַך, ווי אַ שלאָס־מויער מיט אַ שפּיצעכיקן אויבן.

די נאַכט האָט זיך פּאַמעלעך גענייגט צו דער ערד. ס׳איז שוין לאַנג צײַט געווען מאַכן אַן אָפּשטעל אויף נאַכטלעגער. פֿאַרן גרויסן זומערדיקן טאָג האָבן די רײַזנדער זיך גוט אײַנגעמידט און שוין שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף אָפּרו. אַלע האָבן געשוויגן — רעדן האָט זיך ניט געגלוסט. ווו זשע איז פֿאָרט ספּיצינאָ? אין דער טונקל וואָלט מען זיך געקאָנט געווען ריכטן, אַז דער יִשעוו וועט זיך לאָזן זען נאָך פֿונדערווײַטנס כאָטש מיט דער שײַן אין די פֿענצטער. איז דאַפֿקע ניט. פֿיר פּאָר אויגן האָבן זיך אָנגעשטרענגט אײַנגעקוקט אין די טונקעלע ברעגן, נאָר די טײַגע איז פֿון ביידע זײַטן צוגעטראָטן צום טײַך, ווי אַ טויבע וואַנט. ספּיצינאָ האָט זיך מיט גאָרניט אַרויסגעוויזן.

— סאָפּקאָלסאָף... — האָט אָנגעכמורעט אַ בורטשע געטאָן איינער פֿון די רײַזנדער, — אַ יִשעוו, מישטיינסגעזאָגט...

דאָרטן, ווּהין ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט, איז געווען די זעלביקע טונקלקײַט, ווי אומעטום. נאָר אין איין אָרט איז דער וואַלד עטוואָס אָפּגעטראָטן פֿון דעם וואַסער און באַם ברעג איז געשטאַנען אַ קליין הילצערן יעגער־שטיבל. אַן איין־און־איינציקס!

אין דעם שטיבל האָט עמעצער געטרײַ פֿאַרגרייט און איבערגעלאָזט באַ דער הרובקע אַ ביסל האָלץ, שפּענדלעך, טרוקענע שוועבעלעך, און אין דרויסן איז באַם אַרײַנגאַנג געווען צוגעקלאַפּט אַ ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט: „מענטשן, דאָ וועט דורכגיין דער באַם!“.

צום אָזויגערופֿענעם „מאָק“ איז מען אָנגעקומען ערשט אויף מאָרגן. ווײַט ניט אויף יעדער געאָגראַפֿישער מאַפּע געפֿינט מען אָט דאָס אָרט. נאָר אויב נעמען אַ מאַפּע גאָר אַ גרויסע און אָפּמעסטן אויף איר פֿון רעכטס, מיזרעך־צו, באַם צאָפֿנדיקן שפּיץ פֿונעם אַלטן בײַקאַל לעערעך 400 קילאָמעטער, קאָן מען באַם ברעג פֿונעם טײַך וויטים דערזען אַ פּיצעלע פּינטעלע מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „מנאָגאָאָבעשטשאיושטשאיאַ קאָסאַ“ („דער פֿילצוזאָגנדיקער זאַמד־פּאַס“). „מאָק“ איז צונויפֿגעשטעלט פֿון די ראָשע־טייוועס פֿון דעם דאָזיקן נאָמען. אַמאָל האָבן דאָס אָרט אַזוי אָנגערופֿן די גאָלדזוכערס. לויט אייניקע סימאָנים האָט דאָרט געדאַרפֿט זײַן גאָלד.

עמעס, גאָלד האָט מען טאַקע געפונען, אָבער גאָר ניט קיין סאַך. מע האָט עס ארויסבאַקומען און דאָס אָרט פארלאָזט. גלייכער וואָלט מיסטאמע געווען אָנרופן דאָס אָרט „דער זאמד־פאַס פון ניט פארווירקלעכטע האָפע־נונגען". אזוי אָדער אנדערש, נאָר באַם ברעג טייך זיינען נאָך די גאָלדזוכערס פארבליבן עטלעכע הילצערנע געביידעס, וועלכע זיינען מיט דער צייט אונטערגעפוילט און צעשעדיקט געוואָרן. היינט האָט מען זיי א ביסל צורעכט געמאַכט, און עס האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אַן אויספאָרשונגס־עקספעדיציע פון בויער פאַר דער בייקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

די אָנגעקומענע מיטן שיפל דריי פּאַרשוין — דער הויפּט־אינזשעניער פונעם פּראָיעקט פון דעם מאָקער הידראָקאָמפּלעקס גענאַדי איוואַנאָוויטש מאַקסימאָוו, דער הויפּט־ספּעציאַליסט, קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן מאַיסיי פּייוועלעוויטש בורשטיין מיט נאָך אַן אינזשעניר — האָבן פאַר־געשטעלט מיט זיך גאָר אַן אַנדער עקספּעדיציע. א קליינינקע, אָבער מיט באַזונדערע, זייער וויכטיקע אויפגאַבעס. געשיקט איז זי געוועז פונעם אינסטיטוט „הידראָפּראָיעקט" און האָט געזאָלט אויסשפּירן א פּאַסיק אָרט פאַר דער הרעבליע פונעם קינפטיקן הידראָקאָמפּלעקס. די הידראָעלעק־טראָסטאַנציע, וואָס דאַרף אויסגעבויט ווערן („מאָקער העס" — סאַראַ שיי־נער נאָמען!), וועט געבן עלעקטרע פאַרן באַם. די הרעבליע וועט זיין ניט קיין געוויינלעכע: מע וועט זי אָנשיטן מיטן קויטש פון א געריכטעטן אופרייס. אזא מעטאָד צו שאַפן א הרעבליע איז אָנגענומען געוואָרן פאַר דער מאָקער העס אַלס איינער פון די גרונט־וואַריאַנטן, און ער ווערט אויסגעאַרבעט אונטער מוישע בורשטיינס אָנפירונג.

מאַיסיי פּייוועלעוויטש איז איצט אָנגעקומען אהער, קעדיי אויפן אָרט זיך איבערצייגן אין דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם וואַריאַנט: שאַפן די הרעבליע אויפן גרינגסטן, פּאָשעטסטן און ביליקסטן אופן — מיט דער הילף פון אַן אופרייס. דאָס מאַכט מעגלעך אויסצובויען די מאָקער העס, נאָך איידער דער באַם וועט פולקאָם פאַרטיק (גאַנץ קלאָר, און דאָ איז איבעריק צו פאַרטייטשן, ווי נוצלעך און געלונגען עס איז צו באַקו־מען אויף דער קינפטיקער אייזנבאַן־מאַגיסטראַל די ביליקע עלעקטרע וואָס פריער, בייס עס פירט זיך נאָך דאָרט די בויונג). קיין אַנדער רעאַלער אויסוועג צו פאַרווירקלעכן אזא אונטערנעמונג איז ניט בנימצע. עס טויגן ניט די טראַדיציאָנעלע וואַריאַנטן, לויט וועלכע ס'זיינען שוין אויס־געבויט געוואָרן הונדערטער הידראָעלעקטראָסטאַנציעס אין דער וועלט.

די דאָזיקע העס וועט אָפשטיין פון די נאָענטסטע טראנספּאָרט־וועגן אַף 600 קילאָמעטער.

די בויונג פון א הרעבליע אסאָציִירט זיך הײַנט אפילע בא גאָר ווײַטע פון הידראָטעכניק מענטשן מיטן הודען און ברילן פון מעכטיקע סאמאָסוואלן, וועלכע ציִען זיך אויס אין א לאנגער ריי און פירן צום אָרט פון דער הרעבליע שווערע בעטאָן־קובן. דאָ, באם מאָק, זײַנען די מעגלעכקײַטן זיך צו נוצן מיט געוויינלעכער טעכניק ביז גאָר באגרענעצט, און דאָס ווענדן זיך צו א געריכטעטן אופרײַס דערלויבט לייזן די פּראָבלעם פיל לײַכטער, ווײַל די מאסע פונעם פראכט, וועלכן מע מוז ברענגען צום אָרט פון דער בויונג, פארקלענערט זיך דערבײַ זייער און זייער — אין הונדערטער מאָל!

באטאָג האָבן די נײַגעקומענע, צוזאמען מיט באגלייטערס, געקלעטערט איבער די ניט הויכע סאָפּקעס באם טײַך וויטים. מוישע בורשטיין איז געווינט צו פיל גרעסערע בערג — באם טיאן־שאן און אפן פּאמיר. נײַ איז פאר אים געווען די טײַגע: די בערג זײַנען דאָ געדיכט באוואָקסן מיט ניט באטראָטענעם ווילדן וואלד. אין די אפדערנאכטן פלעגן זיי פארברענגען ארום א שײַטער. מ׳האָט געגעסן קאשע מיט פלייש פון ווילדע הירשן, וועלכע עס האָט פאר זיי געבראכט פון וואלד קאָסטיע „דער הילצערנער” — ער איז געווען אין דער עקספּעדיציע דער טעסלער און איינציִיטיק דער יעגער אין דער שכייניִשער עקספּעדיציע. ווען־ניט־ווען האָט מען אײַנגעשלונגען א ביסל ספּירט.

באנאכט פלעגן אומדערטרעגלעך בײַסן די קאָמארן. ס׳האָט פון זיי ניט געראטעוועט ניט דער געדיכטער רויך, פון וועלכן בא אלעמען האָט געשניטן אין די אויגן, געדרייט אין דער נאָז, ניט דער קרעם „טײַגא”, מיט וועלכן מע פלעגט זיך גוט אָנשמירן פארן שלאָף. קאָן זײַן, איבער די קאָמארן אָדער עפּשער איבער די שטארקע אײַנדרוקן פונעם טאָג פלעגט מאָיסיי פּײַוועלעוויטש ביז שפּעט אין דער נאכט ניט קאָנען אנשלאָפן ווערן. ער פלעגט זיך דרייען, ניט קאָנענדיק אײַנמאָסטען זיך אפן געלעגער, און טראכטן, טראכטן... טאקע וועגן דעם דאָזיקן מאָקער הידראָקאָמפּלעקס. נאָך די געלונגענע עקספּערימענטן האָט ער געהאָפט, אז די מאָקער בויונג וועט זײַן אן אָנהייב פון א גענעראלער ריכטונג אין דער הײַנטצײַטיקער הידראָענערגעטישער בויונג, א באגרינדעטער אפן סמאך פון אויסנוצן דעם ביז גאָר עפעקטיוון מעטאָד פון א געריכטעטן אופרײַס.

באַנאַנד מיט דער מאָקער העס וועלן אף דעם זעלבן אופן געבויט ווערן נאָך א סאך אנדערע — אין קאַזאַכסטאַן, אין גרוזיע, אין מיטל־אַזיע... און ווײַטער — ווײַטער שוין גאָר פאַנטאַסטיש: א קאַנאַל צווישן דעם טײַך אָב און דעם אַראַלער יאַם; דאָס סיבירער וואַסער קומט אין די מידבאָריעס פון מיטל־אַזיע... און טאַקע אַלץ מיט דער הילף פון געריכטעטע אופרײַסן!

מאָיסיי פײַוועלעוויטש דערמאָנט זיך אין די דאַמבעס אף די טײַכן באָזסו, דאַרגאָמי און אינעם אַמו־בוכאַרער קאַנאַל, וועלכע ער האָט געבויט. דעמלט האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז די הויפּט־זאַך איז שוין אָפּגעטאָן, ס'זײַנען געשטעלט די ערשטע טריט, און איצט זײַנען פאַרן געריכטעטן אופרײַס אָפן טיר־און־טויער. דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען מע האָט פאַר געציילטע עטלעכע רעגעס דורכגעלייגט אין מידבער קאַראַקום די שווערסטע פופציק קילאָמעטער פונעם אַמו־בוכאַרער קאַנאַל, איבער וועלכע ס'האָט זיך קימאַט טייקעף נאָכן אופרײַס א לאָז געטאָן דאָס וואַסער צו די צעגליטע אונטער דער פלאַמיקער זון זאַמדן. די צוגרייטונגען צום אופרײַס האָבן פאַרנומען אײַנגאַנצן עטלעכע כאַדאָשים, און דאָס האָט דעמלט אַלעמען איבעראַשט.

צו יענעם אופרײַס האָבן זיי זיך געגרייט, ווי צו א גרויסן יאָמטעוו. בורשטיין איז דאַן געווען דער הויפּט־אינזשעניער פון „ווזריוופּראָם”. צום פײַערלעכן מאָמענט זײַנען אָפן קאַנאַל אָנגעקומען געסט, קאָרעספּאָנדענטן פון צײַטונגען און פון דער ראַדיאָ. דער אופרײַס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אײַנדרוקפולער, א גרויסאַרטיקער. ס'האָט זיך א ריס געטאָן די ערד מיטאַמאָל איבער דער גאַנצער לענג פון דער טראַסע. פינף צענדליק קילאָמעטער האָבן אין איין צײַט א הייב געגעבן צום הימל בערג מיט זאַמד, שטיינער און שטויב. די שפּיצן פון די בערג האָבן געזונקען אין קנוילן פון שוואַרצן רויך, באַקרוינטע מיט געל־ראָזע ראַנד־אופלויכטן. די ערד האָט געציטערט. ס'האָט געראַשט און געטומלט. עס האָט זיך געטאָן — כווישעך!

פאַר זײַטיקע מענטשן איז דאָס געווען גענוג שרעקלעך און אפילע שוידערלעך. אינעם צווייפל — ס'וועט זײַן בעשאָלעם צי ניט — האָבן זיי זיך גיכער געניינגט צום צווייטן. ס'האָט זיך זיי שטאַרק ניט געגלייבט, אַז באַ אַזא איבערקערעניש קאָן נאָך עפּעס זײַן נוצלעך. נאָר ווען די קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך איבערצײַגט, אַז אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זײַן, האָט זיי גלײַך פאַרלאָזט די מאָרעשכוירע. אין א צײַט אַרום האָט מען בורשטיי־

נען באַוויזן אַן אַרטיקל אין אַ מאָסקווער זשורנאַל, וווּ ס'איז באַשריבן דער אופּרײַס, דער קאַנאַל און ער גופֿא אויך. אַדהײַעם גייט אים איבער אַ גרויל איבערן לײַב, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענעם אַרטיקל. לויטן זשורנאַל האָט ער זיך באַקומען ווי אַ העלד — אַ גיבער מיט גרויסע פֿלאַמענדיקע אויגן. קיין גיבער איז ער קיינמאָל ניט געווען, גיכער אַפּילע פֿאַרקערט — באַ זײַן מיטעלן וווּקס, קוים העכער פֿון אַ מעטער מיט זעכציק. און אויגן האָט ער אויך ניט קיין פֿלאַמענדיקע, נאָר גרויע. כּוץ אַלעמען, האָט זיך נאָך באַקומען, ווי ער וואָלט אַליין זיך באַרימט פֿאַר די קאָרעספּאָנדענטן, און דאָס איז שוין אינגאַנצן קעגן זײַן טעווע.

דער גרויסער דערפֿאָלג אַפֿן אַמו־בוכאַרער קאַנאַל האָט אויסגעזען, דאַכט זיך, אומבאַשטרײַטבאַר. דאָך האָט געטראָפֿן אַזוי, אַז בורשטיין האָט אַף אַ לאַנגער צײַט זיך געזעגנט מיט די אופּרײַסן — ער איז אַריבער אַף אַרבעט גאָר אין אַן אַנדער געביט. מיט דער הילף פֿון אופּרײַסן האָט מען פֿאָרגעזעצט בויען. אין טאַדזשיקיסטאַן, לעמאָשל, האָט מען אַף אַזאַ אויפֿן געשאַפֿן אַ הרעבליע אַפֿן וואַכש און אָנגעפּאָיעט מיט וואַסער דעם גאָלדענעם יאַוואַנער טאָל. אָבער דאָס האָט אַלץ נאָך אויסגעזען ניט גענוג איבערצײַגעוודיק, ווען ס'האָט זיך באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן שאַפֿן מיט דער הילף פֿון אַ געריכטעטן אופּרײַס די הרעבליע אין מעדעאָ (קעדיי צו פֿאַרהאַלטן די וואַרשײַנלעכע סעלן — מעכטיקע בלאָטע־שטראָמען מיט שטיינער, וועלכע האָבן געדראָעט דער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ), האָט אַ טייל אַלמאַ־אַטאַער געלערנטע בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט מיט דעם מאַסקים זײַן. זיי האָבן געצווייפֿלט, צי די הרעבליע וועט זיך באַקומען אַזאַ, ווי מע וויל, און אַפּילע געוואָרנט, אַז דער אופּרײַס קאָן אַרויסרופֿן אַן ערדציטערניש און כאָרעוו מאַכן די שטאָט.

קיין צײַט לאַנג צו דינגען זיך איז ניט געווען. די הרעבליע אין מעדעאָ האָט מען פֿאָרט געשאַפֿן, און טאַקע בעפּיירעש מיט דער הילף פֿון אַן אופּרײַס. און אַלץ איז דורכגעגאַנגען בעשאָלעם. זאָגן, אַז די זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן באַצײַטנס, הייסט גאָרנישט ניט געזאָגט: ווי נאָר מע האָט באַוויזן אָנוואַרפֿן די הרעבליע, נאָך ווײַט די אַרבעט ניט פֿאַרענדיקט, האָט אַף דער שטאָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ סעל. ער האָט זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ מיט אַ שרעקלעכער קראַפֿט. ווען ניט די נײַע הרעבליע, וואָלט דער סעל געמאַכט טיל־טעל פֿון דער שטאָט מיט אַלץ, וואָס אין איר. נאָר אַפּילע דאָס האָט אויך איבערצײַגט נאָך ווײַט ניט אַלעמען. ס'האָט

זיך געפֿונען אַ מאַמאָשעסדיקע צאָל ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פֿון פֿולקאָם אַנערקענען די נײַע פֿאָרגעשריטענע טעכנאָלאָגיע. יעדער, אַפֿילו דערפֿאָלגרײַכער אופֿרײַס האָט מיט זיך פֿאָרט פֿאָרגעשטעלט אַן איינצלהײַט. קיין סיסטעם איז נאָך ניט געווען. מע האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי צו „פֿאַרוואַלטן" מיטן אופֿרײַס.

דעמלט, צוריק מיט פֿינף יאָר, האָט מאָיסיי פּײַוועלעוויטש אָנגעהויבן אַרבעטן אין „סרעדאַזהידראָפּראָיעקט" — אַן אַנשטאַלט, וווּ בויען הרעבליעס מיטן קויעך פֿון אופֿרײַסן האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ לעסטערונג אָדער שווינדל.

דער טײַך פּיאַנדזש פֿליסט דורך אַ ניט באַוווינטער, שווער־דערגרייכבאַרער באַרגיקער געגנט. דער פּראָיעקט, וועלכן ס'האָבן אויסגעאַרבעט אַ ריי ספּעציאַליסטן, האָט פֿאָרויסגעזען בויען אַלע הרעבליעס פֿאַר די אָנגעמערקטע אַפֿן פּיאַנדזש הידראָקאָמפּלעקסן אַפֿן אַלטן, געוויינלעכן אופֿן. און כאָטש די אַרבעט איז פּלאַנירט געוואָרן פֿאַר דער ווײַטער צוקונפֿט, איז די פּרינציפּיעלע זײַט פֿון דער פֿראַגע געווען זייער וויכטיק, ווײַל די אופֿרײַסן וואָלטן געקאָנט פֿאַרגיכערן דאָס באַהערשן די רעסורסן פֿונעם טײַך. ווען בורשטיין האָט גענומען דערווײַזן, אַז שאַפֿן הרעבליעס מיטן קויעך פֿון אופֿרײַסן איז אַ רעאַלע זאַך, האָט זײַן אָנפֿירער אים געענטפֿערט:

— דו לאָז איבער דײַנע אַלטע מידעס. מיר רײַסן נאָר אין דער טיף, אין דער הייך בויען מיר.

אַלס אַ מיטאַרבעטער פֿונעם אַנשטאַלט, איז מאָיסיי פּײַוועלעוויטש געוווּג דיסציפּלינירט, זײַנע פֿליכטן האָט ער אויסגעפֿילט ווי געהעריק, אָבער „איבערלאָזן זײַנע אַלטע מידעס" האָט ער זיך גאָר ניט געכאַפּט. פֿאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז ער איז גוט באַהאַוונט אינעם איניען און ער האָט שוין בעפֿײַרעש באַוויזן עפּעס־וואָס אופֿצוטאָן. ניט אומזיסט האָט מען אים געשיקט אַלס אַ ספּעציאַליסט פֿריִער קיין כינע, דערנאָך קיין אַפֿגאַניסטאַן, מאָנגאָליע (אַגעוו, איז ער פֿאַר זײַן גוטער אַרבעט אין אָט די לענדער באַלוינט מיט אַ מעלוכע־אָרדען). די דאָזיקע אופֿטוען שטייען אין איין ריי מיטן אַמו־בוכאַרער קאַנאַל, און דער לעצטער טיילט זיך נאָר אויס סײַדן מיט זײַנע מאַסשטאַבן. און דאָ...

וואָס טיפֿער ער האָט זיך געגריבלט אין דער פֿראַגע, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט בײַ אים דער געדאַנק, אַז אופֿרײַסן קאָנען ניט נאָר רוי־

נירן (אפילע מיט נוץ פארן מענטשן) — מע קאָן אַן אופּריַיס נייטן אויך... בויען. יאָ, בויען! דער מאסע פונעם גרונט, וואָס הייבט זיך אוף אין דער לופט בייסן אופּריַיס, קאָן מען צוגעבן די נייטיקע קאָנסיסטענץ, געבן איר אַ געוויסע ריכטונג און צווינגען אוועקלייגן זיך אפן אָנגעמערקטן פאר איר אָרט אין די פארגעבענע קאָנטורן פון דער הרעבליע. און דאָס אַלץ — מיטאמאָל! וואָס וויַיטער ער האָט זיך פארטיפט אינעם איניען, אַלץ רייצנ־ דיקער און צוציִענדיקער האָט פאר אים אויסגעזען סיַי דער געדאנק אַליין, סיַי די מעגלעכקיַיט אים אויסצופּרוּוון בייסן שאפן די הרעבליע אפן פּיאנדזש.

די מיטארבעטער האָבן באהאנדלט זיַין פּראָיעקט אופמערקזאם, מיט ניַיגעריקיַיט, אָבער מיט אומצוטרוי אויך. צו שטארק האָט דאָס אַלץ גע־ שמעקט מיט פאנטאסטיק: אף אַן אויגנבליק הערשט אין „טויהו, וואָוויהו ועכוישעך", ווי אין מיַיסע־בערייִשיס, קעדיי שוין אין אַ רעגע ארום זאָל פון אָט דעם גאנצן געמישעכץ ארויסקומען וואָס?.. אַ פּארטיקע הרעבליע! די הידראָטעכניקער האָבן געוווּסט גענוי, אַז קעדיי אופהייבן אַ הרעבליע, דארף מען שווער הארעווען יאָרן און יאָרן.

אין לעבן איז בורשטיין אַ שטילינקער, גרייט פארלויפן יענעם דעם וועג, וויל ניט אויסוויַיזן זיך איַינגעגעסן. אָבער דאָ האָט ער זיך גענומען ראנגלען פאר זיַין אידיי, ווי אַ לייב. דורכשלאָגנדיק דעם וועג צו דער אנערקענונג פונעם ניַיעם מעטאָד, האָט ער געמוזט גיוועער זיַין זיך אַליין גופע, אוועקרוקן אין אַ זיַיט די שעמעוודיקיַיט און גיין איַינרעדן יעדן איינעם, דערוויַיזן זיַין גערעכטיקיַיט. מ'האָט פון אים גערעדט, אַז ער איז אַ פאנטאזיאָר, אים אויסגעוואָרפן אין די אויגן און הינטער די אויגן, אַז ער איז איִבעריק איַינגעשפּארט, אים געוואָרנט, אַז זיַין אקשאָנעס וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען. אין גוטן מוט האָט מען אפילע געבראכט אים אַ ריַיע, אַז כאָטש ער איז טאקע מוישע, אָבער פּאַסט ניט מוישע ראביינו, און היַינטיקע ציַיטן זיַינען אויך שוין גאָר ניט די אמאָליקע, פאר קיין קישעף טויגן זיי ניט. ער האָט געליטן דערפון, געהאט גרויס אגמעסנעפעש, ס'האָט אים אָפּגעקאָסט אַ סאך געזונט, נאָר ער האָט פאַרגעזעצט דער־ וויַיזן זיַינס.

סאָפקאָלסאָף האָט ער זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש אריַינצושטעלן אין דער סכעמע פונעם טיַיך פּיאנדזש — אַ פּילבענדיקן פּראָיעקט — איין קליין קאפּיטעלע. דאָס עלפטע האָט זיך עס באקומען. ער האָט עס אָנגע־

רופן „בענעגייע דער מעגלעכקײט צו בויען אַ הרעבליע אַפּן פּיאַנדזש מיט דער הילף פון אַן אופרײס". בלויז זײַן, בורשטיינס, מיינונג וועגן אַזאַ מעגלעכקײט. שוין דער טיטל אַליין וואָלט געדאַרפט, דאַכט זיך, פאַר־מישפּעטן דאָס קאַפּיטל, מ'זאָל דאָס פאַרשפּאָרן אַפילע לייענען. פאַרנומע־נע מענטשן, אין ווען ס'איז דאַפקע געוועגדט די לייזונג פון אַזאַ פראַ־גע, וועלן דאָס בעכיפּאַזן אַ בלעטער טאָן און טאַקע איבער זייער גרויסער פאַרנומענקײט זיך ניט מאַטריזען זײַן צו פאַרטיפן זיך אין טאָך פון דער זאַך. אָבער ניט אָנשרײַבן דאָס קליינע קאַפּיטעלע האָט בורשטיין ניט גע־קאָנט. איז וויפל זשע הארץ האָט מען געדאַרפט אין דעם אַרײַנלייגן, אַז ס'זאָל געשען אַ נעס, וואָס קומט פאַר גאָר זעלטן, ווען אַ מענטש שטרעבט צו עפּעס מיט לײַב־און־לעבן. עס דאַרף זיך טרעפן, אַז דער באַריכט פאַלט אַרײַן אין מאָסקווע פונקט צו דעם (איין־און־איינציקסטן!) מענטשן, וועל־כער האָט פּאָשעט ניט געקאָנט דורכגיין גלײַכגילטיק פאַרבײַ אַזאַ מין זאַך, ער האָט אומבאַדינגט געדאַרפט זיך פאַרינטערעסירן מיט „בענעגייע דער מעגלעכקײט..."

— זע נאָר, דאָס האָט דאָך אָן שום סאָפעק מוישע בורשטיין גע־שריבן! — האָט זיך דערפרייט דער עקספּערט סטעפּאַן דאַווידאָוו און זיך פאַרטיפט אינעם באַריכט. לענגער, ווי אַפן גאַנצן פּראָיעקט, האָט ער זיך פאַרהאַלטן בעפיירעש אַפן עלפטן קאַפּיטל, מאַכמעס ער האָט טייקעף אָנגעטאַפּט אין דעם דאָס קערנדל: דעם ריזיקן עקאָנאָמישן עפעקט, וועל־כער האָט גלײַך דערלויבט אָט דער „מעגלעכקײט", זי זאָל פּרעטענדירן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם פירנדיקן וואַריאַנט. דאָס, וואָס דאַווידאָוו האָט געקענט בורשטיינען פיל יאָרן, פון זינט זיי האָבן איניינעם געלערנט אין אינסטיטוט, און ער האָט זייער געהאַלטן פון אים, איז שוין געווען אַ צופעליקײט. ער איז אַליין באַקי אין אָט דעם איניען, זײַן לעבנס־וועג איז אויך געבונדן מיט אופרײַסן, און ער פילט אין דעם אַ טאַלק.

האַקלאַל, בורשטיין איז געקומען קיין מאָסקווע. אייגנטלעך, אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן איניען, האָט ער שוין געזאָגט אינעם עלפטן קאַפּיטל פונעם פּראָיעקט. אָנגעזען האָט זיך דאָ בלויז די עמאָציאָ־נעלע זײַט, די דערהויבענע שטימונג, וועלכע האָט געהערשט בייסן קאָ־באָלעס־פּאָנעם. און כאָטש געשמועסט האָט זיך דערווײַל נאָר וועגן דעם זייער ווײַטן פּיאַנדזש, איז אָבער קלאָר געווען, אַז פּיאַנדזש איז נאָר אַ פּראַט, לויט וועלכן עס מאָדעלירט זיך דאָס שאַפן הרעבליעס מיטן קויעך

פון געריכטעטע אופרײַסן אַף ווילדע באַרג־טײַכן אין שוועך־דערגרייכ־בארע ערטער. לעכאַטכילע נאָר אַף די באַרג־טײַכן. מידבאַריעס, געגנטן פון אייביק פריר־אײַז — דאָס איז שוין געקומען דערנאָך, אלס א ווײַטער־דיקע אַנטוויקלונג פון דער הויפּט־אידיי.

אין מאָסקווע ווערט צונויפגערופן א זיצונג פונעם טעכנישן ראַט, גע־ווידמעט דער פראַגע פון גרויסמאַסשטאַביקע געריכטעטע אופרײַסן. אין דער ארבעט פונעם ראַט נעמען אָנטייל ספּעציאַליסטן פון „מינענערגאָ״, פונעם אלפארבאַנדישן אינסטיטוט „הידראָפּראָיעקט״. דער ראַט מערקט אָפּ די „פּאָלקסווירטשאַפטלעכע וויכטיקײַט״ פון דער אידיי. ער לייגט פאָר זי צו פארווירקלעכן. שפּעטער ווערט אין „מינענערגאָ״ געשאַפן א ספּעציעלע סעקציע איבער דער פראַגע פון אויסנוצן געריכטעטע אופרײַסן אין דער הידראָטעכנישער בויונג. איר פאָרזיצער ווערט דער שטעלפארטרעטער פונעם מיניסטער. מוישע בורשטיין גייט ארײַן אין דער צאָל פון אירע מיטגלידער.

די ארבעט האָט געפאָדערט א סאַך צײַט. צוליב באַהאַנדלען נײַע פּראָבלעמען פלעגט מען זיך פארזאַמלען גאָר ניט אָפט, איין־צוויי מאָל א יאָר. דאָך האָט זיך פאר דער גאַנצער צײַט אָנגענומען א היפּש ביסל אַזעלכע באַראַטונגען, און קימאַט אַף אַלע איז ארויסגעטראָטן אלס פאָר־טרעגער, מיטפאָרטרעגער, ווידער פאָרטרעגער מ. פּ. בורשטיין. אין די פאָרטראָגן האָט זיך גערעדט וועגן די פּראָיעקטן פון ניזשני־טשאַטקאַלער, קורופּסײַער, באַרגקראַוקער, דאַטשידזשומער, קאָמבאַראַטינער, פּאַפּאַנער און אנדערע הידראָקאָמפּלעקסן מיט אופרײַס־אָנגעוואָרפענע הרעבליעס, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אונטער בורשטיינס אָנפירונג, טאַקע אין דעם זעלבן אינסטיטוט „סרעדאַזהידראָפּראָיעקט״, ווו ער ארבעט. זײַן ציל, זײַן כיווו פון א קאָמוניסט האָט בורשטיין געזען אין שאַפן וויסנ־שאַפטלעכע יעסוידעס אַף צו אויסנוצן דעם געריכטעטן אופרײַס.

פאַר די פארגאַנגענע עטלעכע יאָר האָט זיך פארגרעסערט די צאָל אָנהענגער פון דער אידיי. מיט איר האָט זיך פארינטערעסירט אויך דער ראַט וועגן פּראָבלעמען פון אויסנוצן אין דער פאָלקסווירטשאַפט אופרײַסן (אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר, פאָרזיצער פונעם ראַט — אַקאַ־דעמיקער מ. א. סאַדאָווסקי). און אָט זײַנען שוין פאַראַן רעאַלע אָביעקטן צום פּראָיעקטירן: די פּאַפּאַנער, קאָמבאַראַטינער, מאָקער הידראָקאָמפּלעקסן מיט הרעבליעס ביז 300 מעטער די הייך, לעערעך 100 מיליאָן קובאָמע־

טער אין פארנעם! דאָס זײַנען שוין ניט קיין סכעמעס, נאָר אָביעקטן פון דער פאָרשטייענדיקער בוויגג, אָביעקטן פונעם קומענדיקן, עלפטן פינפ־יאָר. און אין זעלבן „סרעדאזהידראָפראָיעקט", ווו צו בורשטיינס אידיי האָט מען זיך פריִער אפילע ערנסט ניט צוגעהערט, איז הײַנט דער פּלאַן אף העלפט פארפולט מיט די ארבעטן ארום אזעלכע הרעבליעס. נאָך מער — הײַנט איז „סרעדאזהידראָפראָיעקט" אנערקענט אלס הויפּט־צענטער איבער אָט די איניאָנים אין גאנץ „מינענערגאָ". מיט אים אייצעט מען זיך און מע ווענדט זיך צו אים נאָך הילף פון דער מאָסקווער, לענינגראַדער, גרוזינער אָפּטיילונגען פון „הידראָפראָיעקט".

עס טרעפט, אז ערנסטע וויסנשאפטלעכע דיסקוסיעס רופן אומגעריכט ארויס צום לעבן אנדערע פּראָבלעמען, עפענען נײַע מעגלעכקײַטן פארן שעפערישן געדאנק. ס'קומען אוף גאָר נײַע אידייען. „שולדיק" אין דעם זײַנען צומאָל צופעליקע באגעגענישן. איינע פון זיי איז געווען מיט לייב בערנשטיינען. ווען בורשטיין האָט זיך באקאנט מיט אים, איז יענער גע־ווען באגײַסטערט מיט אן אידיי פון שאפן אזויגערופענע צושטראָם־עלעק־טראָסטאנציעס. א ווונדערלעכע אידיי — טאקע נאָר אף כידושים: נייטן צו ארבעטן אף דער ערד... די לעוואָנע! וויפל ענערגיע גייט אף דער ערד יעדן מעסלעס לעיִבעד, ווען מיט אן אײַנגעשטעלטער רעגלמעסיקײַט ווארפן זיך שווער ארוף אף די ברעגן אומגעהייערע מאסעס יאם־וואסער און קאטשען זיך דערנאָך פויל אראָפּ צוריק, איבערלאָזנדיק אפן זאמד מענגעס יאם־שטערנס, מושלען און פיל אנדערע מאטאָנעס פונעם יאם!

איינע אזא צושטראָם־עלעקטראָסטאנציע האָט זיך אײַנגעגעבן אויס־בויען אפן זאמד־פאס „קיסלאיא גובא" באם ווײַסן יאם. זי איז געווען די ערשטע און דערווײַל איז זי נאָך די איינציקע אין דער וועלט. לייב בערנשטיין האָט געוויסנהאפטיק דערלערנט אלע רעזשימען פון איר אר־בעט, אלע פּראָטים. ער קען זי אזוי, ווי זײַן אייגענעם נאָמען. אף אָט דער טעמע האָט ער פארטיידיקט זײַן דאָקטאָר־דיסערטאציע. אָבער דער צו־שטראָם־סטאנציע האָט געדראָעט, זי זאָל אזוי טאקע פארבלײַבן אן איינ־ציקע, ניט געקוקט אף דער אומבאשטרײַטבארקײַט פון איר טעכנישער אידיי. וואָרעם קעדיי צו שאפן אזא סטאנציע, דארף מען אין א פאסיק אָרט אופשטעלן א הרעבליע פון צענדליקער קילאָמעטער די לענג און גאָר א גרויסע, קעדיי איבערצוימען די בוכטע. די הרעבליע, דארף קאָנען בײַשטיין דער קראפט פון די צופלוסן און אָפּפלוסן, דורכלאָזן דאָס וואַ־

סער צו די אגרעגאַטן און צוריק דורך ספּעציעלע קאַנאַלן, ווו עס וועט דרייען די שויפלען פון די טורבינעס. וויאַזוי מאַכט מען אַזאַ הרעבליע — אַ ווערטעלע צו זאָגן! צו די יאַם־ברעגן איז געוויינלעך שווער צוצוקו־מען, דאָרט שטויסט מען זיך אָן אויף נאַקעטע פעלדזן. פון וועלכע מאַטע־ריאַלן בויען די הרעבליע? וויאַזוי ברענגען אַהין די טעכניק? ווו נעמט מען אין יענע ערטער גרויסע מאַסן מענטשן אויף אַרבעט?

בורשטיינען האָט די אידיי פאַרכאַפּט.

— אָבער עס איז דאָך פאַר אַלעמען קלאָר, אַז צעברעקלטער שטיין פאַרנעמט מער אָרט, ווי דער זעלבער שטיין גאַנצערהייט...— האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו בערנשטיינען. ער האָט ליב אונטערצוּוואַרפן יענעם אַ רעמעז און צוזען די רעאַקציע אויף דעם.

בערנשטיין האָט אַ קוק געטאָן אין בורשטיינס שמייכלענדיקע אויגן און גלייך אַלץ פאַרשטאַנען. אַוואַדע פאַרשטאַנען! ווייטער האָבן זיי שוין געשמועסט הייס, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן. ביידע האָבן גע־מאָלט אויף פאַפּירלעך פאַשעטע סכעמקעס, פולע מיט טיפן באַדייט, און „אויסגעכאַלעמט" האָט זיך צום סאָף אָט וואָס. מע דאַרף ניט קיין סאַך טעכניק. מע דאַרף ניט קיין טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער! גענוג איינ־גאַנצן איין שיף מיט אַן איינפאַכער בויערער־מאַשין. די מאַשין בויערט דורך אינעם יאַם־דעק אונטער דער וואַסער ברייטע שפּאַלטן, מע פילט זיי אָן מיט מעכטיקן אופּרייס־שטאָף און מע רייסט דאָס אונטער אַזוי, אַז דער פעלדזן־גרונט זאָל זיך אונטער דער וואַסער צעדריבלען. בלויז צע־דריבלען! וועט ער פאַרנעמען מערער אָרט, זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרגרעסערן אין פאַרנעם, און אין מעשעך פון איין אויגנבליק וועט געשאַפן ווערן, מאַמעש אויסוואַקסן פונעם יאַם אַ הרעבליע.

אַזאַ הרעבליע, — האָבן געטיינעט בורשטיינס אָפּאָנענטן, — קאָן מען ניט אויסכעזשבענען, פונקט ווי מע קאָן ניט אויסכעזשבענען דעם אופּרייס אליין. הייסט עס, אַז קיין אינדוסטריעל מיטל איז דאָס ניט.

אין אַנדער ריע: אַ הרעבליע דאַרף איינהאַלטן און אויסהאַלטן דעם דרוק פון אומגעהייערע מענגעס וואַסער, און אַפילו די בעטאָנענע הרעב־ליעס פון אַ סאַך מעטער די גרעב פּילן קוים אויס אַזאַ אויפגאַבע. ווער קאָן אָרעוו זיין, אַז די אופּרייס־אָנגעוואָרפענע הרעבליע וועט דאָ טויגן?

אין ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע האָט זיך דאַפקע געפונען גיי־כער. עפּשער טאַקע דערפאַר, וואָס אין דער פראַגע אַליין האָט זיך אַנט־

האלטן אן אָנוויזונג, ווו מע זאָל דעם ענטפער זוכן. די טויגבארקייט פון הרעבליעס איז מען געווינט צו שאַצן לויט דעם, וואָס זיי לאָזן ניט דורך דאָס וואסער. און טאָמער זייט זיך יאָ דורך אַ קלײנער טייל פונעם וואסער? טויג עס שוין גאָר ניט? לאַכלוטן? קיין פּאַרטיקער ענטפער אויף דער נײַ־געבוירענער פראַגע איז ניט געווען, מע האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאַרף ניט שטאַרק שאַטן. ס׳זײַנען דורכגעפירט געוואָרן עקספּערימענטן, געמאַכט געוואָרן כעזשבוינעס. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז דורך אַן אָנגעוואָרפענער הרעבליע וועט זיך קאָנען דורכזייַען וואסער, אָבער גאָר ניט קיין סאַך. מאַכמעס די קראַפט פונעם אופּרײַס און די גאַנצע אַראָפּגעוואָרפענע מאַסע וועלן שאַפן די הרעבליע מיט אַן אומגעזעענער באַ די געוויינלעכע מעטאָדן פון בויונג פעסטקייט און מיט גאָר אַ קלײנער פאַרישקייט.

— ס׳וועט צעשווענקען די הרעבליע! — האָבן זיך געהיצט די אָפּאָנענטן.

ווידער עקספּערימענטן און פאָרשונגען, נאָכאַמאָל פאָרשונגען און עקספּערימענטן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל כעזשבוינעס. דאָס מאָל — שוין מיצאַד בורשטיינס אָנהענגער — דעם הויפּט־אינזשעניער פונעם פּראָיעקט פאַרן קאָמבאַראַטינער הידראָקאָמפּלעקס ו. פּ. קאָרטשעווסקי און די הויפּט־ספּעציאַליסטן ג. פּ. פּעטראָוו און מ. ל. קאַהאַן. געבראַכט האָט עס צו דער שאַפונג פון אַ גאַנצער ריי טיפּן פון אופּרײַס־אָנגעוואָרפענע הרעבליעס. דאָס איז וווּנדערלעך!

דאָס טאָגטעגלעכע לעבן האָט אָבער געבראַכט נײַע שוועריקייטן.

— איר רײַסט אַליין זיך אָפּ פון אײַער גרונט־אַרבעט, און איר שטערט אויך אַנדערע, — האָט מען בורשטיינען אויסגעוואָרפן.

ער האָט פאַרנומען מיט די נײַע אידייען זײַנע אָוונטן, די אָפּרו־טעג, דעם אורלויב. און אַזוי ניט איין וואָך, ניט איין כוידעש — יאָרן און יאָרן. אין דער היים האָט מען אויך געהאַט צו אים טײַנעס, לעמײַ ער גיט אָפּ ניט גענוג אַכט דעם געזינד. ער האָט געהאַט דערפון יעסורים, באַזונדערס איבערגעלעבט פאַר די קינדער. זיי האָט מען געדאַרפט העלפן אויסקלײַבן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. ס׳וואָלט געווען אַ יוישער, ווען זיי נעמען איבער באַם פאָטער דאָס, וואָס ער האָט שוין דעראָבערט מיט מי און אײַנגעשפּאַרטקייט. אים וואָלט האַנאָע געטאָן, זיי זאָלן אויך באַגײַסטערט ווערן מיט אַ גרויסער אידיי, און זיי אָבער האָבן געוויינלעך אָנגעכאַפּט

זיך אין עפּעס און אָפּגעקילט געוואָרן. מער ליב געהאַט צו לייענען. דאָס האָט ער פאַרעכנט פאַר אַ כיסאָרן, באַשולדיקט זיך אַליין אין נאַכלעסיקײַט, אָבער איבערמאַכן זיך האָט ער שוין ניט געקאָנט. הײַנט מעג מען שוין זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אומזיסטע יעסורים. זײַנע ביידע קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן גוטע, נוצלעכע מענטשן. דער זון איז געוואָרן אַן אַרכיטעקטאָר, די טאָכטער — אַן עקאָנאָמיסט. זיי זײַנען צופרידן מיט זייער אַרבעט, און מע איז צופרידן מיט זיי. נאָר דאַן האָט ער דאָס נאָך ניט געקאָנט וויסן, און לעבן אַנדערש קאָן ער אויך ניט, מאַכמעס ער, מוישע בורשטיין, איז אַ מענטש פון איין אידיי, וועלכע געוועלטיקט איבער אים אינגאַנצן.

זײַן פּיליאָריקע מי איז אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט איר עמעסער ווערט. „מינענערגאָ” האָט אָנערקענט זײַן אידיי און אײַנגעשלאָסן איר פאַרווירקלעכונג אין די מעלוכע־פּלענער אָפּן הײַנטיקן, צענטן פינפיאָר. די פאַרגלײַכונגס־פּראָיעקטן פון פּופצן הידראָקאָמפּלעקסן — אייניקע מיט אופּרײַס־אָנגעוואָרפענע הערבליעס און אַנדערע מיט אייפאַכע הערבליעס אַף די באַרג־טײַכן נארין, וואַכש, טשאַטקאַל, פּיאַנדזש, אַק־בוראַ און אויך אַף די סיבירער טײַכן וויטים, מאַמאַקאַן, קאַטון באַווײַזן, אַז די באַקומענע דורכן אופּרײַס הערבליעס זײַנען פיל לוינבאַרער פון די געוויינלעכע. די פאַרווירקלעכונג נאָר פון פּאַפּאַנער, מאָקער און קאָמבאַראַטינער קאָמפּלעקסן וועט דערלויבן אָפּצושפּאָרן לעערעך 800 מיליאָן רובל און דערמעגלעכן דאָס אויסבויען דעם פּאַפּאַנער קאָמפּלעקס פאַר איין יאָר (דער קאָמבאַראַטינער קאָמפּלעקס האָט זיך געבויט אַכט יאָר).

אונדזער פאָלקסווירטשאַפט נייטיקט זיך אין נײַע קוואַלן פון עלעקטראָענערגיע. דאָרט, וווּ ס׳איז זי גרינגער צו באַקומען (גרויסע טײַכן, באַווינטע ערטער, פּאַסיקער קלימאַט), איז שוין די פראַגע געלייזט. בורשטיין האָט אויסגעזוכט אַ מעגלעכקײַט אײַנצושפּאַנען דעם אופּרײַס און, אַזויאַרום, מיט ניט קיין גרויסע הויצאָעס באַהערשן ווילדע באַרג־טײַכן אין שווערדערגרייכבאַרע ערטער מיט האַרבע קלימאַטישע באַדינגונגען, הייסט עס — ער טוט נוצלעכס פאַרן פאָלק, פאַר דער צוקונפט.

דאָ, באַם מאָק, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער טײַגע, באַ דער שײַן פונעם אופוואַכנדיקן פרימאָרגן, האָט ער טראָט נאָך טראָט אופגעשטעלט אין זיקאָרן אָט דעם דורכגעגאַנגענעם וועג. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב אָנהייבן גראָבן דעם קאַנאַל צווישן דעם טײַך אָב און דעם אַראַ־

לער יאם ווי געוויינלעך, וואָלט מען באדאַרפט האָבן אזא גרויסע צאָל שפּאַנענדיקע עקסקאַוואַטאָרס, וואָס מיר פאַרמאָגן פּאָשעט ניט אזויפיל. און אויב דעם קאנאל שאפן מיט אופּרײַסן, דאַן איז אלץ רעאל...

ער באטראַכט די אײנצלהײַטן פון אזא גראַנדיעזן פּראָיעקט, און ווען עס קומט אויס, אז קײן רו וועט ער שוין ניט האָבן ביזן סאָף פון זײַן לעבן, פילט ער זיך פון דעם גליקלעך.

# דער אלעפּבייס

א ייִדישע פרוי פון מיטעלע יאָרן איז געשטאַנען אין דער אוויאַ־אגענטור פון א גרויסן סיבירער געגנטלעכן צענטער און האָט פארגאַפט שטודירט די רעשימע פון די אָרטיקע ליניעס. זי האָט זי מאַמעש געגעסן מיט די אויגן. דאָס צעטל ערטער, מיט וועלכע די שטאָט איז פארבונדן דורך דער לופט, האָט דערוועקט בא איר אין זיקאָרן א גאַנצע ריי דערייִנערונגען. בילדער פון איר פארגאַנגענער קינדהײַט זײַנען ווי אופגעלויכטן אין מויעך. ס׳איז איר געוואָרן אופגעלייגט אפן הארצן, אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט טרערן.

אָט איז א ליניע קיין קארגאַסאָק. פריִער זײַנען אהין געגאַנגען נאָר שיפן. ווינטער־צײַט פלעגט דער טײַך ווערן פארפרוירן און איר כאווערטע נאָנקע האָט דערנאָך לאַנגע כאדאָשים געוואַרט אף א יעדיִע פון דער היים: ווינטער האָט מען אין יענער „אויסרײַסעניש” אפילע די פּאָטשט צוגעשטעלט זייער זעלטן. און הײַנט!

אָט איז נאָך א ליניע... דאָס הארץ גיט איר האסטיק א קלאַפּ, ס׳איז גרייט ארויסצושפּרינגען. אף דעם האָט זי זיך גאָר ניט געריכט. שוין וויפל יאָר, זינט זי ווייסט זיך פּאר א דערוואַקסענעם מענטשן, קלײַבט זי זיך אלץ באַזוכן די ערטער, ווו ס׳זײַנען דורכגעלאָפן אירע קינדעריאָרן. באַקומט זיך עס עפּעס ניט: אָדער דער אורלויב איז ניט צו דער צײַט, אָדער ס׳טרעפט אן אנדער מעניִע. און אז עס בלײַבט שוין אינגאַנצן

נישט קיין סיבעס ניט צו פארווירקלעכן דעם באגער, הייבט אָן אָפּהאלטן די ווײַטקייט, די שווערקייט פון דער נעסיע. כאָטש, צוריקגערעדט, איז דאָס באַ הײַנטיקע צײַטן גאָר ניט אזוי ווײַט: אינגאנצן לעערעך אַ זיבן הונדערט קילאָמעטער פונדאנען. אָבער וואָס פאַר אַ מעהאלעך! אדהײַעם געדענקט זי דאָס נאָך מיט אלע, ווי מע זאָגט, פּישטשעווקעס. לעכאַטכילע דאַרף מען דאָרט אַ שטיק וועג דורכמאכן מיטן אעראָפּלאַן, ווײַטער לאַנג שווימען מיט אַ קליין שיפל, דערנאָך זיך איבערזעצן אף פערד, און ווײַטער... ווײַטער דאַרף מען בײַקומען זומפּן מיט קאָטשקעס. איז דער וועג אליין מיילע, נאָך צו דערלײַדן, מענטשן פאָרן דאָך! נאָר טאָמער מאכט זיך אונטערוועגנס אַ רעגן — און אזוינס איז אין יענע קאַנטן ניט זעלטן, — צעגיסט זיך דאָס וואסער איבער די בלאָטעס און מע בלײַבט דאָרטן שטעקן אף לאַנג. צום סאַף איז דאָך גאָר די פראַגע געלייזט! קיין שום מאַטער־נישן — זעץ זיך נאָר ארײַן אינעם אעראָפּלאַן, און אין אַ קורצע פאָר שאָ ארום ביסטו שוין אפן אָרט. טאַקע סאַמע אין דאַרף! אף אזוינס האָט זי זיך בעפיירעש ניט געריכט.

— ווו זשע זעצן זיך דאָרט די אעראָפּלאַנען? אַ סוואָרע, באַם גרענעץ־געביט, איבער צוויי הײַזער פון אונדזער אמאָליק שטיבל, ווו ס'איז גע־שטאַנען די עלנטע קרומע בערעזע? — זי שטעלט זיך פאָר אין געדאַנק זייער דאָרף, אַ הײַנטצײַטיקן אעראָפּלאַן, און ס'גראַמט זיך ניט אײנס מיטן צווייטן. — און עפשער גאָר אין דער אנדערער זײַט, ווו ס'זײַנען געוועזן די פעלדער פונעם קאָלווירט „דער צווייטער פינפיאָר"? דאָרט האָט אליק געוווינט, און געגעקע סיבירצעוו... אין יענער זײַט האָט דער וועג אונדז געפירט אין שול ארײַן אינעם שכייניש דאָרף. איצט, זאָגט מען, גייט דאָרטן דורך דער הויפּט־וועג פון סיבירער נאַפט... ווו זשע זעצן זיי זיך אָבער פאָרט, די אעראָפּלאַנען?

זי גייט צו צום טישל, ווו מע רעגיסטרירט די בילעטן. ווײַזט זיך ארויס, אז צופעליק האָט זי אָנגעטראָפן אין דער אגענטור גראָדע צום רעגיסטרירן טאַקע אף אָט דעם רעיס. מיט גרויס נײַגער האָט זי באטראַכט די פּאסאַזשירן. אָט שטייט אַ באָכער אין אַ גרינער ברעזענטענער קורטקע מיט אַ געקרײַזלטער באָרד און מיט אַ גרויסן רוקזאַק אף די פּלייצעס. צוויי מיידלעך, אפּאָנעם, סטודענטקעס — ווײַזט אויס, פון אורלויב. ווער זײַנען זיי, די יונגעלײַט? וואָס האָבן זיי מיטן דאָרף? עפשער פליִען זיי

דאָס אהיים? אויב יאָ, איז ניט אויסגעשלאָסן, אז דאָס זאָלן זײַן קינדער פון אירע אמאָליקע באַקאַנטע, אפילע כאַווײרים און כאַווערטעס.

מילכאָמע... דער זיקאָרן קערט זי אום צום אָנהייב פון דער מילכאָמע. זיי ראַטעווען זיך פון די דײַטשישע מערדער. זייער שיינע, ציכטיקע, בליִענדיקע שטאָט אין די וואַרעמע קאַנטן פון אוקראַיִנע, אירע שטילע, גרינע גאַסן און סעדער, ווו ס'איז אזוי לוסטיק און אָנגענעם צו שפּאַצירן מיט די עלטערן, זייער היימלעכע, ליכטיקע, געראַמע שטוב מיטן ברייטן באַלקאָן אפן צווייטן שטאָק, אירע שפּילעכלעך — אלץ, וואָס איז זיי אזוי טײַער און ליב, אלץ לאָזן זיי איבער און פאָרן אוועק ווײַט־ווײַט, אין טיף רוסלאַנד. סלאַווקע — אזוי האָט מען זי גערופן אין דער קינדהײַט — פילט זיך שוין פאַר א גרויסער, און בא אירע זיבן יאָר פאַרשטייט זי שוין אלץ. אלנפאַלס, אין שײַכעס מיט די פאַשיסטן מאַכט זי זיך ניט קיינע איליוזיעס, און, פאָרנדיק מיטן באַן אין עוואַקואַציע, זאָגט זי זיך אָפּ פון בעטגעוואַנט — זי גרייט זיך צו די פאַרשטייענדיקע שווערִיקײַטן. א כאָכמע פון א קינד! דער עלטערער דאָר פון די עטלעכע עוואַקוּירטע מישפּאָכעס יִידישע אינטעליגענטן האָט אָבער, צום באַדויערן, ניט אונטערגעהאַלטן די „שפּיל". עלטערע — טאָמיד פאַרשטייען זיי אַנדערש, און אָנשטאָט וואַרעמע קליידער, שוכוואַרג אוכעדוימע נעמען זיי מיט אין סיביר א פידל, א זילבערנעם בעכער, שאָך און נאָך אזעלכע אַנדערע ניט ווינציקער נייטיקע מאַכשירים.

אָ, ווען עמעצער פון זייערע עלטערע לײַט וואָלט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן כאָטש א מינדסטן טייל פון די שווערִיקײַטן, וואָס וועלן אָנקומען אף זייער כײלעק!.. גרויסשטאָטישע, האָבן זיי געהאַט דאָס מאַזל זיך פאַרקלײַבן אין א קליין פאַרוואָרפן סיבירער דערפל, ווו צו יענער צײַט האָט מען נאָך ניט געוווּסט ניט פון קיין עלעקטרע־שײַן, ניט פון קיין ראַדיִאָ, שוין אָפּגערעדט פון וואַסערלייטונג. זיי זײַנען לאַכלוטן ניט געווען צוגעפּאַסט צו די אומבאַקוועמלעכקײַטן פונעם דאָרף־לעבן. און כוץ אלגעמיינע שווערִיקײַטן, וועלכע אלע האָבן איבערגעטראָגן, האָבן זיי נאָך שטאַרק געליטן זומער פונעם גנוס און ווינטער פון די קעלטן. באַזונדערס די ערשטע אָנדערהאַלבן־צוויי יאָר. און דער ערשטער אעראָפּלאַן איז, אגעוו, דורכגעפלויגן איבער זייער דאָרף ערשט אינעם אכט־און־פערציקסטן. א קליינינטשקער „או־2", האָט ער זיך לאַנג געדרייט נידעריק בא דער ערד, גלײַך ווי ער וואָלט געזוכט צווישן די קוסטעס און קאָטשקעס

א פאסיק אָרט אַף אַראָפּלאָזן זיך, האָט, ווײַזט אויס, ניט געפונען און איז אוועקגעפלויגן. דאָס גאַנצע דאָרף — קליין און גרויס — איז נאָך לאַנג גע־שטאַנען מיט פאַריסענע קעפּ, געקוקט אין הימל און אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט: עפּשער וועט ער זיך אומקערן. אַלע האָבן, פאַרשטייט זיך, זייער געוואָלט וויסן די סיבע פונעם וויזיט. אויסגעקלאָרט האָט זיך עס שוין אין א לאַנגער צײַט אַרום. דאָס האָט מען געזוכט אַן אָרט פאַר די ערשטע געאָלאָגן, וועלכע האָבן דערנאָך געפונען דעם סיבירער נאַפט.

די געוועזענע סלאַווקע קוקט ווידער אַרײַן אין דער רעשימע פון די אוויאַ־ליניעס. יאָ, דער אַמאָליקער „אַר־2" קומט ניט צו די איצטיקע אַע־ראָפּלאַנען.

— און עפּשער איז אונדזער דאָרף שוין געוואָרן א שטאָט? — בליצט באַ איר אומגעריכט אויף א געדאַנק. — עפּעס האָט מען, דאַכט זיך, גערעדט, אַז דאָרטן זײַנען אויסגעוואַקסן גרויסע מויערן, כאָטש אַף א סאַך קילאָ־מעטער אַרום געפינט מען אין יענע ערטער קיין שטיין ניט.

און דאָ האָט זי פּלוצעם פאַרשטאַנען, אַז איר דאָרף, יענץ דערפל, וואָס איז איר אַזוי טיף אַרײַנגעפאַלן אין האַרצן, איז שוין ניטאָ. ס'איז איר געוואָרן קלאָר, אַז פאַרווירקלעכן דעם באַגער אין דער פּולער מאָס וועט זיך איר שוין קיינמאָל ניט אײַנגעבן. די באַגעגעניש, צו וועלכער זי שטרעבט אַזוי שטאַרק, קאָן איר איצט ברענגען סײַ פאַרגעניגן, סײַ אַג־מעסנעפּעש, אַלנפאַלס פיל מער אומגעריכטס, ווי זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט. און זי באַשטימט: פאַר דעם, ווי זי וועט אַמאָל אונטערנעמען א רײַזע אין איר קינדהײַט־לאַנד, זיך גוט־גוט דערמאָנען אינעם פאַרגאַנ־גענעם.

א וווּנדערלעכע זאַך — דער זיקאָרן באַם מענטשן. ווײַט, גאָר ווײַט ניט אַלץ, מיט וואָס דער מענטש לעבט, היט ער פאַר אים אָפּ. אָבער דאָס, וואָס ער היט שוין יאָ אָפּ, פאַרבאַהאַלט ער טיף־טיף אין די קעמערלעך: וועלכס — אין מויעך, וועלכס — אין האַרצן. מיט דעם ווערט דערפילט דער זייכער פון דוירעס, און דאָס אַלץ איניינעם שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַלעפבייס פון דער נעשאָמע. אַף דעם איז געגרינדעט דער קיִעם פונעם מענטשן. יעדערער האָט זיך זײַן אַלעפבייס — א גרעסערן אָדער א קלע־נערן, א מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטן, און פאַר יעדן איינעם איז זײַן אייגענער אַלעפבייס אוואַדע דער וויכטיקסטער. און סלאַווקע דער־מאָנט זיך...

# מײַן געבורטסטאָג

קראָפּעווע בריט, דאָס ווייסן אַלע. אָבער אַז זי טויג אויך צום עסן, האָב איך אין מײַנע אכט יאָר אַפילע פאַרשטעלן זיך ניט געקאָנט. דער־ווּסט האָב איך זיך וועגן דעם ערשט בײַס דער מילכאָמע, אין עוואַקואַ־ציע. פון קראָפּעווע, לאָזט זיך אויס, קאָן מען קאָכן אַ באָרשטש, אַ קאַשע, אַפילע פּלעצעלעך באַקן. קעדײַ האָדעווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד, אויב אין שטוב איז מער גאָרנישט ניטאָ, כוץ אַ מעסטעלע טווּע, דאַרף מען טאָגטעגלעך גיין אָנקלײַבן אַ גרויסן זאַק מיט אָט דעם גוטס. און דער אָל פון קלײַבן די קראָפּעווע איז אין אונדזער שטוב געלעגן אויף מיר.

ביז דער מילכאָמע פלעג איך זיך וווּנדערן, ווי שטאַרק ס׳איז צע־וואַקסן אָט דאָס דאָזיקע ברִיענדיקע גראָז אין די סאַמע נײַטיקסטע ערטער. כ׳האָב זיך אַפילע געבייזערט. ווען ניט די קראָפּעווע, וואָלט אַזוי גוט געווען צו באַהאַלטן זיך אונטער די פּלויטן, צווישן די קוסטעס, אין סאָד. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט איר איז פאַרפלייצט די ערד. און איצט — פּונקט דער היפּעך: אַזוי וויניק קראָפּעווע! איך האָב זי שוין אויסגעצופּט אין די שכײניש׳ע גערטענער, באַ די פּלויטן און קוסטעס, און געבליבן איז זי איצט נאָר דאָרט, פונוואַנען עס איז שווער געווען זי צו דערלאַנ־גען — אַפן ברעג פונעם טשוזיק, צווישן די שטענגלעך פון ווײַמפּערלעך און יונגער טשעריאָמוכע. אהין האָט מען געדאַרפט זיך דורכרײַסן דורך פאַרוואַקסענישן פון בודזיקעס און פאַרשיידענע אַנדערע גראָזן, קלעטערן איבער אומגעפאַלענעביימער, זיך אַריבערקלײַבן איבער אַ צעפוילט בריקל און איבערגיין עטלעכע גרויסע קאַליוזשעס, וווּ דאָס וואַסער איז דערגאַנגען מיר ביז די קני. אַמאָל בין איך דאָרט אַפילע פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

און דערפאַר האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טרוים: איין־און־צוואַנציקן טאָג, דעם טאָג פון מײַן געבוירן, וועל איך זיך מאַכן יאָמטעוו. דעם טאָג וועל איך נאָך קראָפּעווע ניט גיין. ניט גיין, און שוין! דער טאָג וועט זײַן באַ מיר אַן אויסערגעוויינלעכער. אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט מיט דער מאַמען.

דער טאָג פון מײַן געבוירן...

כ'האָב אױף אים זײער ארויסגעקוקט. װען ער איז ענדלעך געקומען, האָב איך זיך אופגעכאפט גאָר־גאָר פרי. אַלע אונדזערע זײַנען נאָך געשלאָפן, נאָר די זון האָט זיך שוין אופגעהויבן גאַנץ הויך און האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטערל מיט אַ פּאָר ליכטיקע שטראַלן. אין דרויסן האָבן פרימאָרגנדיק־פרײלעך געזונגען פײגעלעך. איך האָב זיך טײקעף דערמאָנט, אַז הײַנט איז מײַן יאָמטעוו, אַז נאָך קראָפּעווע גײ איך הײַנט ניט, און די שטימונג בא מיר איז געוואָרן דערהויבן. כ'האָב זיך גענומען טראַכטן, טרוימען, און פּלוצעם האָב איך אַ קלער געטאָן: „וואָס זשע עסן מיר הײַנט?". מעגלעך, דער געדאַנק איז מיר אופגעקומען טאַקע איבער דעם, וואָס דער הונגער האָט זיך שוין פון לאַנג געלאָזט פילן, אָבער כוץ קראָפּעווע האָט מען אפילע צוטראַכטן גאָרנישט ניט געקאָנט. און קראָפּעווע איז נאָך פאַרבליבן בלויז אינעם אויסבייג פונעם טשוזיק, לעבן דער אַלטער מיל. אַהין דאַרף מען לאַנג גײן מיטן ברעג טײַך, זיך נידעריק אונטערבייגן, שלײַכלענדיק זיך אונטער די צווײַגן פון דער הענגענדיקער טשעריאָמוכע, זיך איבערקלײַבן איבער אַ טאָל און אויסמײַדן אַ גרויסע גרוב. וויאַזוי זשע וועט די מאַמע געפינען דאָס אָרט? נאָר אויב די מאַמע וועט ניט גײן אַהין, וועט זי בעשום־אויפן ניט אָנעמען קײן זאַק קראָפּעווע.

ס'איז מיר אַ ראַכמאָנעס געוואָרן אױף דער מאַמען. איך האָב זיך שטילינקערהייט אַראָפּגעגליטשט פונעם אָפּן־אויוון, קעדיי קײנעם ניט אופּוועקן, ס'איז נאָך געווען זײער פרי, — אינמיטן זומער גײט אין סיביר די זון קימאַט ניט אַראָפּ פונעם הימל, — זיך אַרויסגערוקט אין פאָרהויז, אָנגעטאָן דער מאַמעס גרויסע שטיוול און מיטן זאַק אפן אַקסל אַרויס אינעם קילן פרימאָרגן.

דאָס איז געווען אַ ווונדערלעכער טאָג!

קײנער האָט נאָך ניט געוווסט, אַז פינקטלעך אין דרײַ יאָר אַרום, אויך אין אַזאַ ליכטיקן זומער־טאָג, דעם 24־טן יון וועט ווײַט־ווײַט אין מאָסקווע אפן רויטן פּלאַץ פאָרקומען דער ניצאָכן־פּאַראַד. און דערווײַל איז מיר פּאָשעט געווען זײער גוט. ווײַל ס'איז געווען מײַן געבורטסטאָג און ווײַל איך האָב אַזוי פלינק און שײן אַלעמען „אָפּגענאַרט".

# ראַכמאָנעס

אינעם דאָרף, וווּהין מיר האָבן זיך עוואַקויִרט, פּלעג מען ניט זאָגן: „איך האָב דיך ליב". אָנשטאָט דעם האָט מען געזאָגט: „כ'האָב ראַכמאָנעס אף דיר". פאַר מיר איז דאָס געווען אַ שפּאָגל־נײַער באַגריף. ביז דאַן האָב איך דאָס פאַרשטאַנען ווי־אַזוי? געפאַלן און זיך צעבריקט — די קני, לע־מאָשל, צעקלאַפּט, — ווייס איך, די מאַמע וועט האָבן ראַכמאָנעס. און דאָ קומט אַפן פעלד צו די פרויען אַ גאַנץ דערוואַקסענע קאָלווירטניצע שורע וואַראַקסינע, דערמאָנט זיך אין איר מאַן, וואָס איז, נעבעך, אומגעקומען אַפן פראָנט, און באַקלאָגט זיך:

— אוי, ווײַבער, האָט מיר אַ צאָרע געטראָפן! אַזאַ שאָדן. אַזאַ מאַן אָנגעוווירן... ער האָט דאָך אף מיר ראַכמאָנעס געהאַט!..

און די ווײַבער האָבן אײַנשטימיק געשאָקלט מיט די קעפּ. איך האָב געפילט, אַז זיי לייגן אַרײַן אינעם וואָרט גאָר אַן אַנדער באַטײַט, אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן ערשט מיט אַ צײַט שפּעטער. נאָר לאָמיר דערציילן פון אָנהייב אָן.

פון דער ביטערער ווינטערדיקער קעלט איז ניט געווען קיין שום באַהעלטעניש. אין קלאַס בײַ אונדז האָט געפרוירן דער טינט אין די טינ־טערס, און אין דער היים... יענעם ווינטער זײַנען מיר פלוצעם אופגעריכט געוואָרן: גאָר אומגעריכט זײַנען מיר געוואָרן באַלעבאַטים איבער אַן אייגן שטיבל. אַ פּיצל שטיבעלע, מיט צוויי קרומע פענצטערלעך, צונויפגעקלעפּ־טע איינעם, מאַכמעס עס איז זיי ענג געווען זיך צעלויפן איבערן שמאָ־לינקן וועגטל, אָבער אַן אייגנס! די מאַמע האָט עס אויסגעביטן פאַר אירער און דער באָבעס ווינטערדיקע מאַנטלען. און סאַראַ סימכע ס'איז דערבײַ געוואָרן: ווױנען בײַ זיך אַליין, ניט אין קיין פרעמדער דירע בײַ מענטשן!

ליאָנקען האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען אין דעם טאָג פון אונד־זער כאַנוקאַס־האַבאַיִס. דאָס הייסט, געזען האָב איך אים, אייגנטלעך, פריִער אויך, און עפּשער אפילע ניט איין מאָל, אָבער דערקענט ווי עס באַדאַרף צו זײַן האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל בעפּיירעש אין יענעם טאָג. כ'האָב געהאָלפן איבערטראָגן אונדזערע כפייצים פון דרויסן אין שטוב אַרײַן, און ליאָנקע איז שטיל געשטאַנען באַם טויער און האָט געסמאָטשקעט דעם

גרויסן פינגער פון זײַן רעכטער הענטשקע. א קליין רוסיש יאטל מיט א צוגעפּלעטשט נעזל און מיט גרויע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א נײַ שיין פּעלצל, אונטערגעגאַרטלט מיט א שמאָל רימענדל, די פיס — אין א פּאָר גוטע וואַליקעס, אפן קאָפּ — א גרויס פוטערן היטל מיט שטײַף פארבונדענע אויערן. אים איז, אפּאַנעם, געווען גענוג וואַרעם, ווײַל ער איז געשטאַנען אפן פראָסט זייער רויִק. און מיך האָט דאָס געערגערט. יעדעס מאָל, ווען איך בין ארויס פון שטוב און אים באַמערקט ווידער שטיין באַם טויער, האָב איך זיך אפּסנײַ געבייזערט און געקוקט אף אים מיט אַן ארויסרוף. מײַן גאַנצער אויסזען האָט געזאָלט הייסן: „וואָס שטייסטו דאָ עפּעס אין אונדזער הויף? וואָס האָסטו דאָ עפּעס צו טאָן? וואָס גלאָצסטו די אויגן, וואָס?!״ אָבער זײַן רויִקער קוק און דער גאַנצער אויסזען זײַנער האָבן מיך אָפּגעהאַלטן פון זאָגן אים א קרום וואָרט. אזוי איז ער אָפּגעשטאַנען די גאַנצע צײַט, ביז איך האָב זיך געייסעקט מיטן איבערטראַגן, און איז אומבאַמערקט נעלעם געוואָרן פונעם הויף.

אין א פּאָר שאָ ארום, אפּדערנאַכט, האָט זיך ליאָנקע ארײַנגעשטעלט צו אונדז אין הויז. אָן א קלאַפּ אין טיר איז ער אויסגעוואַקסן בא דער שוועל און האָט מודיע געווען:

— כ׳בין צו אײַך צוגאַסט געקומען.

לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבן זיך באַזעצט אנטקעגן די פּאַליאַקאָווס. און ליאָנקע, באַקומט זיך, וווינט איצט בישכיינעס מיט אונדז. זיי פאַרמאָגן א גרויסע געראַמע ליכטיקע שטוב מיט א הויכן קוימען, וועלכער איז פון אויבן באַפּוצט מיט א שיינער אײַזערנער קרוין. און נאָך וואָלט איך לעכאָלהאָפּאָכעס באַדאַרפט געווען וויסן, אז איך בין פאַרשריבן מיט ליאָנקען אין איין קלאַס. אָבער איך האָב די שול קימאַט ניט באַזוכט, און דערפאַר האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרגעדענקט.

פון דעמלט אָן פלעגט ליאָנקע קומען צו אונדז יעדן פאַרנאַכט. איך האָב זיך זייער צוגעוווינט צו אים, און אז ער פלעגט א זעלטן מאָל זיך פאַרהאַלטן, איז ער מיר זייער אָפּגעגאַנגען. ער פלעגט מיר דערציילן וועגן זײַן דאָרף, וועגן דער שול, און איך אים — וועגן דעם, וואָס מיר האָט געלונגען צו געניסן פונעם אמאָליקן שטאָטישן לעבן. און געזען האָב איך לויט מײַנע יאָרן נאָך בעפּיירעש ניט ווייניק. נאָר מער פון אַלץ האָט ליאָנקע ליב באַקומען מײַן מײַסע וועגן דעם וועלאָסיפּעד.

א וועלאָסיפּעד האָט מיר געשענקט די באָבע מײַנע, ווען איך בין אלט

געווען אַ יאָר דריַי. ער איז געווען אויף דריַי רעדער, האָט געהאַט אַן אומ־באַקוועם זאָטל־בענקעלע און פּעדאַלן אפן פאַדערשטן רעדל. מיסטאַמע האָט ער ניט געטויגט אפילו פאַר קיין ערנסטער שפּיל, אָבער ס׳מאַכט ניט אויס. אונדז האָט דאָס ניט געשטערט. די מילכאָמע האָט נאָך געהאַלטן סאַמע אינדערמיטן, און מיר מיט ליאָנקען האָבן דאַפקע יאָ ליב געהאַט צו שפּילן — פּאָרט קינדער. און אַזוי ווי אונדזערע מעגלעכקייטן זיינען אין יענער צייט געווען זייער באַגרענעצט, איז לאַכלוטן פריי געווען בלויז אונדזער פאַנטאַזיע. און מיר האָבן געטרוימט...

ווי נאָר זיינען מיר ניט אויסגעווען מיטן וועלאָסיפּעד! ער איז גע־וואַקסן איינייעם מיט אונדז, און אָט איז ער שוין מעשאַנע געוואָרן אין אַן עמעסדיקן גרויסן וועלאָסיפּעד מיט צוויי הויכע רעדער און טראָגט אונדז געשווינד, ווי אויף פליגל, אויף איבעריאָגן דעם ווינט. מיר שלאָגן איבער איינער דעם אַנדערן, לייגן צו צום צוויירעדיקן אַ סאַך נייע דעטאַלן (בלויז אין די טרוימען, געוויינלעך), אָבער בייסמייסע גלייבן מיר ביידע בעלעוו ווענעפעש, אַז קאַכהאַווע, אַזוי איז דאָס טאַקע, ס׳איז ראיעל.

— וואָס זשע האָסטו אים מיט זיך ניט מיטגענומען?! — האָט צו מיר ליאָנקע אַ טיינע.

— קיין סייכל ניט געהאַט, — פאַרענטפער איך זיך פאַר אים און פיל זיך אינדערעמעסן זייער שולדיק.

מיר זעצן פאָר אונדזער שפּיל. מיר שטעלן זיך פאָר, ווי דער וועלאָ־סיפּעד טראָגט אונדז אוועק אינעם ווייטן טונקעלן וואַלד נאָך שוועמלעך, און מיר נעמען אָן אַ פולן קויש „מין האַמיווכאַר" — די בעסטע און די שענסטע, אָן אַ מינדסט ווערעמל. אַן אַנדערש מאָל יאָגן מיר איבער דעם געשווינדסטן אין אונדזער קאָלווירט פערד טשאַלי, וועלכער דינט איצט אין אַרמיי און איז געוויס דאָרטן דער בעסטער... און ביכלאַל — מיר נוצן זיך מיטן וועלאָסיפּעד אומעטום, אפילו אין שול פאָרן מיר אויך אויף אים. יאָ, אין שול אַריין אויך! פאַרוואָס דען ניט? און ביכדיי מע זאָל אונדז ניט זייער מעקאַנע זיין, פירן מיר אַמאָל דורך די קלענערע קינדער דורכן דאָרף: כוץ אונדז אינצווייען קאָן דאָך קיינער אַליין אויף צוויי רעדער ניט פאָרן.

ליאָנקען האָט זייער צעהיצט מיין ווילן גיין זיך לערנען אין שול. געזעסן אין שטוב בין איך ניט איבער פוילקייט: כ׳האָב פּאַשעט ניט גע־האַט וואָס אָנצוטאָן אויף די פיס, און גיין אין דער מאַמעס אַלטע אַלפיניס־

טישע שיך האָב איך זיך געשעמט. אָבער ליאָנקעס טירכע איז ניט געגאַנ־גען לעיבעד. ער האָט אזוי לאַנג מיך איינגערעדט, ביז ס'האָט זיך אים איינגעגעבן סאָפקאָלסאָף פויעלן בא מיר, און כ'האָב אים געפאָלגט. כ'בין טאקע אוועק אין שול אין די דאָזיקע מאַמעס שיך. מיט ליאָנקען איינעם, פארשטייט זיך. ער האָט מיך באגלייט ביזן לעצטן געסל פאר דער שול, אפילע מיין רענצל געטראָגן (מאכמעס ס'האָבן מיר שטארק געפרוירן די הענט), און ווייטער זיינען מיר געגאַנגען באזונדער, ניט געקוקט איינער אפן אנדערן, גלייך ווי גאָר ניט קיין באקאַנטע. ווייל טאָמער דערזעען אונדז די כעוורע גיין איינעם — איז כייעס ניט זיכער: מע וועט זיך שוין רייצן אָן א סאָף.

געשעמט האָב איך זיך אומזיסט. די קינדער בא אונדז האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר גאָר ווילע. און אז מ'האָט מיך שוין ענדלעך דערזען באם לערנען, האָבן זיי זיך מאַמעש דערפרייט. איך בין געווען עמעס גליקלעך, אָבער צו מיין גרויסן באדויערן, האָט דאָס געדויערט ניט לאַנג. שוין בא די דרייסיקגראַדיקע פרעסט פלעגן די שיך מיינע ווערן פארגלייווערט און די פיס האָבן זיך אין זיי געפילט ווי אפן נאקעטן אייז. נאָך אזא „שפאצירגאַנג" אין שול און צוריק האָב איך זייער לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. דערוואַרעמען האָב איך זיך ניט געקאָנט אפילע אין דער היים, מאכמעס די הרובע האָט בא אונדז זייער געררויכערט, און געוואַרעמט האָט זי קוים־קוים.

איינמאָל נאָך די לימודים האָט די לערערן געזאָגט צו די שילער:

— קינדער, אין שול זיינען אָנגעקומען וואַליקעס. ווער עס האָט אייגענע אפן פראָנט, א פאָטער אָדער א ברודער, הייבט אוף די הענט, איר וועט באקומען נייע וואַליקעס.

די הענט האָבן אופגעהויבן קימאט אלע. איך האָב ניט קיין ברידער, און דעם טאַטן האָט מען אפן פראָנט ניט גענומען: ער האָט געדינט אין דער ארבעטס־ארמיי. האָב איך אף קיינע שום וואַליקעס ארויסקוקן ניט געקאָנט. אָבער ניט דאָס האָט מיך געקימערט. דער איקער — מיר איז געוועזן א ביזע־ביזאָיען, פונקט ווי איך האָב זיך פארזינדיקט מיט עפעס פאר מיינע כאַווירים, וועמענס טאַטעס און ברידער האָבן מילכאָמע געהאַלטן מיט די פאַשיסטן.

ליאַנקע האָט גלײַך דערפילט מײַן צעמישטקײַט. ער האָט זיך איבער־געבויגן צו מיר פון זײַן שול־באַנק און האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— נישקאָשע, זאָרג זיך ניט. כ׳וועל דיר געבן מײַנע פּוישטן. מיר וועלן זיי טראָגן אײנײנעם.

כ׳האָב זיך ניט געפונען וואָס אים צו ענטפערן און צוגעשוויגן. ניט שפּעטער ווי אַף מאָרגן האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז ליאַנקע איז אַ וואָרט־מענטש. גערעדט — איז ניט געבעבעט. ווען די מאַמע האָט מיך געשיקט נאָך מילך פאַרן שוועסטערל, האָט ער אַף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס זײַנע וואַליקעס און האָט קורץ אַ ברום געטאָן:

— נאַ...

כ׳האָב אַרײַנגעטאָן מײַנע דערפרוירענע פיס אין די אַזוי ליבהאַרציק פאַרגעלייגטע וואַליקעס. זיי האָבן געהאַלטן די אײדעלע וואַרעמקײַט פון ליאַנקעס פיס, און איך האָב זיך מאַמעש מעכײַע געווען. כ׳האָב ווידער דערפילט דעם טאַם פון ווייכער היימישער ליבער וואַרעמקײַט. נאָך וועל־כער איך האָב זיך שוין אַזוי שטאַרק פאַרבענקט, און אין די אויגן האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן. נאָר איך האָב זיי ניט אַרויסגעוויזן. כ׳האָב זיך אַ דריי געטאָן אַרום טיש, זיך אַ שפּיגל געטאָן אין די וואַליקעס און בין פלוצעם מעווײַעש געוואָרן. ס׳האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, אַז ס׳איז אַ לוי־דאָוואָר.

— ליאַנקע, וואָס הייסט? ווי קאָן איך דאָס גיין אין דײַנע וואַליקעס?!

ער האָט אופגעהויבן אַף מיר זײַנע גרויע אויגן און האָט אויסגערעדט זייער ערנסט:

— כ׳האָב דאָך ראַכמאָנעס אַף דיר...

נאָך מילך בין איך אוועק אין ליאַנקעס וואַליקעס. די דערוואַרעמטע פיס זײַנען ווי אַליין געלאָפן, גיך און געשווינד. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז מענטשן קוקן אַף מיר און שטויסן זיך אָן, וועמענס וואַליקעס איך טראָג. און דערפון איז מיר געווען אי פריילעך, אי שעמעוודיק אַ ביסל, נאָר איך בין געווען שטאָלץ. ליאַנקע, מײַן טײַערער כאַווער ליאַנקע האָט אַף מיר ראַכמאָנעס!

# אַ פאַרביסענער אַלטער

פרײַטיק פאַרנאַכט, ווי געוויינלעך, האָט די מאַמע געשיקט מיך נאָך מילך. און איך האָב זיך פּונקט באַקוועם אײַנגעמאָסטעט מיט אַ ביכל אַפן וואַרעמען פּריפּעטשעק. אונדזער פּריפּעטשעק האָט געהאַט זייער אַ גרויסע מײַלע: בייס מע האָט געהייצט די הרובע, פלעגט ער זיך גוט אָנוואַרעמען. דאָס האָט אונדז זומער אַ טויווע געטאָן אונדזער שאָכן, דער אַלטער פּאָליאַקאָוו. ער האָט געהאַלטן, אַז די עוואַקויִרטע פּילן קיין טאַם ניט אין די רוסישע אויוונס, און אַז דעריבער דאַרפן זיי דאָס ניט האָבן. אָבער באַהייצן די שטוב מוז מען דאָך, און געפּרווירן זײַנען די אָנגעקומענע אויך מער, ווי די טוישווים, האָט ער אָפּגערעדט מיט אונדז און אײנער אַליין איבערגעלייגט דעם אויוון. גייען אונדז טאַקע הײַנטיקן ווינטער אַרויס די פּאַראַיאָריקע זאַשפּרעס.

דאָס ביכל, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען, האָט געהייסן „דאָס צימערל אַפן בוידעם”. ס'איז געווען אַלט און צעריסן. אייניקע זײַטלעך האָבן געפעלט. נאָר אַפן גאַנצן דאָרף זײַנען געווען אינגאַנצן געציילטע עטלעכע ביכלעך, קיין אַנדערע זײַנען ניט צוגעקומען, און איך האָב, ווי אַפּצולאָכעס, זייער ליב געהאַט לייענען. האָב איך דאָס שוין קימאַט אויסגעכאַזערט אַף אויסווייניק.

פויל בין איך ניט. אָבער פּונקט איצטער גיין נאָך דער מילך האָב איך שטאַרק ניט געהאַט קיין כיישעק. לעכאַטכילע האָב איך אַפילע ניט זייער פאַרשטאַנען, וואָס וויל מען פון מיר, און האָב ווי אין שלאָף אונטערגעמורמלט:

— נו, באַלד...

דערנאָך, ענדלעך, האָב איך זיך אָנגעשטויסן און האָב זיך צעבראָמט:

— גיי און גיי! וואָס עפּעס דאַפקע איך? זאָל גיין עמעצער אַנדערש.

ווער איז, אייגנטלעך, דער „עמעצער אַנדערש” האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט. כ'האָב פּאָשעט געבעבעט, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. מאַכמעס קיין אַנדערער, ווער ס'זאָל מיר קאָנען פאַרשפּאָרן דעם גאַנג, איז פּאָשעט ניט געווען, און דאָס איז מיר קלאָר געווען, ווי דער ליכטיקער טאָג. גיין האָט מען געדאַרפט ווײַט, אינעם אַנדערן עק דאָרף, צו די סאַמאָילאָווס. דאָס זעקסיאָריקע שוועסטערל וועט מען אין אַזאַ קעלט

און נאָך אַזוי ווײַט אוואדע ניט שיקן. דערצו איז זי נאָך פאַרנומען אויך: זי שיילט קאַרטאָפל. דאָס איז איר כאַזאַקע. קיינער קאָן ניט אַזוי, ווי זי, ריין און דין ארומשיילן די דריבנע, ווי ניסלעך, קאַרטאָפליעס. די באָבע באַקט אַף דער פּליטע קאַרטאָפּלנע לאַטקעס. זייער אַ געשמאַקער זאַטער רייעך צעטראָגט זיך איבער דער שטוב און רייצט אָנגענעם די נאָזלעכער. זי האָט זייער קיין צײַט ניט — דער ווינטערדיקער טאָג איז קורץ, און מיטן באַקן דאַרף מען פאַרענדיקן, ביז ס׳איז נאָך ליכטיק — זי כאַפּט זיך „ניט פאַרפאַרן אין שאַבעס״. די מאַמע האָט אויך אַרבעט. זי האָט זיך צוגע־רוקט צום גרויען פענצטערל און העלפט דער שכײנישער נאַטאַשקען אויסנייען אַ זעקעלע פאַר טאַבעק צו שיקן אַפן פראָנט.

נאָר כוצן פראָסט איז געווען נאָך אַ סיבע, צוליב וואָס איך האָב ניט געוואָלט גיין, — די וויכטיקסטע. מילך באַ די סאַמאַילאָווס האָבן מיר גע־נומען אַף באָרג. אַז דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די מאַמע מיט דער באָבען גערעכנט, ווײַזט אויס, פאַרקויפן עפּעס פון די פאַרבליבענע זאַכן און זיך צערעכענען מיטן כויוו. אָבער געלט איז געוואָרן אין דאָרף אַ יעקאַר־האַמצ׳עס. דאָס מין האָט באַ אונדז דאָרטן קיינער ניט געהאַט. פון שטאָט איז אויך זייער לאַנג שוין קיינער ניט געווען — קיין געלט איז ניט צוגעקומען. אַזוי אַז קיינעם באַ קיינער האָט גאַרנישט ניט געקויפט. דער כויוו אונדזערער די סאַמאָילאָווס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. און אָט איצטער דאַרף מען ווידעראַמאָל גיין צו זיי. און טאָמער פרעגט מיך דער אַלטער וועגן געלט? פון אַזאַ געדאַנק האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. כ׳בין גרייט געווען פאַרשלאָגן זיך ערגעץ אין אַ ווינקעלע, זיך באַהאַלטן, קיינמאָל ניט טרינקען קיין מילך, כ׳האָב מעסוקן מוירע געהאַט פאַרן אַלטן. כאָטש אויסגעזען האָט ער אינגאַנצן ניט שרעקלעך: אַ נידעריטשקער, אַ דאַרער, מיט אַ קלייניק גראָוו קעפּעלע. זײַן צעקנייטשט פּענעמל איז באַוואַקסן געווען מיט אַ ווײַס שיטער בערדל. דאָס בערדל איז שטענדיק געווען צעפּאַטלט און פון אונטער די ברעמען האָבן געקוקט אַ פּאָר יונגע, גיפּטיקע, שיטער־בלויע אייגעלעך, וואָס האָבן, דוכט זיך, דורכגעדרונגען אַ מענטשן אַף דורך און דורך.

סאַמאָילאָוו האָט מען אין דאָרף פּאַשעט פײַנט געהאַט. עפּשער טאַקע פאַר זײַנע גיפטיקע אייגעלעך. אין קאָלווירט איז ער געווען אַן אוטשאַ־טשיק און האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט די מעגלעכקײַט אַרײַנצוזאָגן עמעצן עפּעס אַזוינס, אַז ס׳זאָל טאַקע גוט יענעם דערלאַנגען.

— א שטינקערן ביסטו, מאַטושקאַ, — האָט ער געזאָגט אַמאָל דוניע גרעבענקאָווען, איבערמעסטנדיק דאָס שטיקל פעלד, וואָס זי האָט פאַרן טאָג באַארבעט, און די אייגעלעך זײַנע האָבן בייסמײַסע געקוקט אויף דוניען מיט וואַרעמער פאַלשער מילדקייט, ווי בײַ אַ פוקס.

— וואָס איז מיט דיר, אַלטער, ביסט וואָס, אויווערבאָטל? — איז אופ־געפלאַמט געוואָרן דוניע.

— אָט דאָס! אַ שטינקערן ביסטו. די ערד בײַ דער קאַרטאָפל איז פאַר־שטיינערט פאַרבליבן — געפוילט האָסטו זיך, הייסט דאָס, זי צעשטויסן. ניט מער, ווי אַ האַלבן טאָג אַרבעט פאַרשרייַב איך דיר הײַנט.

געזאָגט — און געטאָן, און זיך אָפּגעדרייט פון איר.

דוניע איז נישטוימעם געוואָרן. ביז זי האָט זיך געפונען עפּעס אָנ־הייבן טײַנען צו אים, האָט דער אַלטער שוין ווײַט אוועקגעשפּאַנט מיט זײַנע קורצינקע פיסעלעך, אײַנגעהויקערט און בייז קלאַפּנדיק מיטן שטעקן איבער די פאַרהאַרטעוועטע שטיקער ליים.

— אָט אַ פאַרביסענער! — האָט אים שטיל נאָכגעשריגן דוניע מיט סינע.

— שלעפּט זיך אַרום, טרייסלט דאָ מיט די מאַטקעס. אים קומט נאָך אַרויס דאָס קוילעטשל!.. — האָבן אונטערגעהאַלטן די ווײַבער. דאָס האָבן זיי אָפּגעכויזעקט פון זײַנע גרויסע, ניט לויט דער מאָס הויזן פון ניט קיין געפאַרבטער גראָבער לײַוונט. דער אַלטער האָט זיי געטראָגן אונטערגע־בונדן מיט אַ גראָב בענדל; דאָס בענדל האָט שלעכט געהאַלטן און די מאַטקעס פלעגן זיך טאָמיד אַראָפּלאָזן אַ סאַך נידעריקער, ווי ס׳וואָלט געדאַרפט געווען זײַן.

סאַמאָילאָוו איז אַרויס אויפן וועג, האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָ־נעם צו די ווײַבער און גלײַך ווי ער וואָלט געקאָנט געוועזן אײַנהערן זייער לאָשנהאָרע, בייז אַ מאַך געטאָן אין זייער זײַט מיטן שטעקן.

— וואָס זשע האָסטו שוין, מאַטושקאַ, די כאַזיירים אין שטאַל פאַר־טריבן? — איז ער אָנגעפאַלן אין אַנדערש מאָל אויף דער שטילער וואַרוואַרע קאָוואַלענקאָ. גערעדט האָט ער שטיל, נאָר זײַן גיפטיקע שטימע האָבן גע־הערט אַלע, ווער עס איז נאָר געווען אַרום. — דײַן אייגענער כאַזער וועט געוויס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרומשפּאַצירן, און די געזעלשאַפטלעכע דאַרפן שוין, הייסט דאָס, ניט עסן? — אַרײַנגעזאָגט, אַ בליק געגעבן אויף אַלעמען מיט זײַן שטעכיקן קוק און ווײַטער אוועקגעשפּאַנט.

— אך, אַ פֿאַרביסענער...— האָט דער אוילעם באַדויערט וואַרוואַרען.

און אָט איצט קומט מיר ווידער אויס גיין צו אָ־דעם בייזן אַלטן. וואָס טוט מען? ווי דרייט מען זיך אַרויס? און אַז ער'ט פֿרעגן: „געבראַכט געלט?" — „ניין, ניט געבראַכט". — „אויב אַזוי"... וואָס „אויב אַזוי", האָב איך ניט געוווּסט, נאָר געוויס עפּעס שרעקלעכס — אָן ספֿק. די מאַמע האָט געהאַלטן באַ אַרויס פֿון די קיילים:

— עפּשער גייסטו שוין, טאָכטער, צי נאָך ניט?

— ער קאָן נאָך ניט וועלן געבן קיין מילך אויך, — האָט די באָבע אַרייַנגעשטעלט מיט אַ זיפֿץ. — מיר זייַנען אים אַזוי אויך שולדיק איבער־געגנוג. סאַמאַילאָוו איז אַ פֿאַרביסענער אַלטער. וואָס גייען אים אָן פֿרעמ־דע קינדער?

— אָט! — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דער באָבעס ווערטער, דער־פֿילנדיק אין זיי אַ רעמעז אויף אַ מעגלעכקייַט צו ניט גיין.

— און דו ביסט שוין פֿאַרטיק, — האָט גלייַך מיך פֿאַרשטאַנען די מאַ־מע. — אַבי נאָר ניט גיין. און דאָס, וואָס דאָס שוועסטערל מיט די אָפּגע־שוואַכטע לונגען וועט ניט באַקומען די רעפּוע פֿונעם ביסל מילך איז שוין ניט דייַן אייסעק.

די מאַמע האָט זעלטן געריידט מיט מיר אָפּגערעגט. און ווייַל דאָס האָט געטראָפֿן פּונקט הייַנטיקס מאָל, וואָלט איך געמעגט געווען אָנשטויסן זיך, אַז אַליין האָט זי נאָך מער פֿון מיר, ביז גאָר ניט געוואָלט, איך זאָל גיין. די מאַמע, אַפּאַנעם, האָט אויך ניט געהאַט קיין ברייַרע.

זייער אַן אומצופֿרידענע בין איך אַראָפּ פֿונעם פּריפּעטשעק און האָב אָנגעטאָן אַלץ די אייגענע דער מאַמעס אַלטע שקראַבעס — אירע אָפּגע־טראָגענע ספּאָרטיווע שיך פֿאַר טוריסטישע מאַרשן. זייער „מייַלע" צו פֿאַרגלייוועט ווערן אויפֿן פֿראָסט איז געווען ניט די אייַנציקסטע. כוץ דעם זייַנען זיי מיר געווען שרעקלעך גרויס, מיט פֿאַריסענע נעזער און באַם גיין אויף דער קעלט האָבן זיי הילכיק געקלאַפּט. די פּיס פֿלעגן טייקעף ווערן דערפֿרוירן אין די נעזער און, אָנהייבנדיק פֿון די פֿינגער, האָבן שוין געפֿרוירן די פּיס ביז אַרויף. דער געפּיל איז מיר זייער באַקאַנט געווען: פֿון אונדזער שטוב ביז די סאַמאַילאָווס ווערן די פֿינגער מאַמעש פֿאַרהיל־צערט. כ'האָב אַ קוק געגעבן אין פֿענצטער. די טאַפּליעס זייַנען פֿאַרקאָ־ווערט געווען מיט אייַז. אויפֿן גלאָז באַ די ראַמעס זייַנען אָנגעוואַקסן גראָבע

ווײַסע בערן. מיט א רויטער אָפּשײַן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אפן אײַז דער פארגאנג. איך האָב געכאפּט אונטערן אָרעם די קיילע, ארײַנגעטאָן די הענט אין די קעשענעס פונעם לײַביק און בין ארויס. אין דער פּראָסטי־קער לופט האָט געשוועבט א שטעכיקער נעפּל. ווײַסע רויכן זײַנען גע־שטאנען איבער די דעכער. די געלב־רויטע זון האָט זיך בארג־אראָפּ זיך גענידערט צום וואלד. ס'איז געווען ביין־האשמאָשעס. אנטקעגן דער זון איז אף דעם ליכטיק־בלויען הימל צוגעקלעפּט געווען אן אויסגעפּלעקטער בלאסער קײַלעך פון דער לעוואָנע, און אונטן, בא דער זײַט פון אים — אן איינציק זילבערן שטערנדל. כוץ אין סיביר האָב איך אין ערגעץ מער אזוינס ניט געזען. אין גאס איז קיינער ניט געווען. שטיל־שטיל. דאָס סקריפּען פונעם שניי אונטער מײַנע שיך האָט געשראָקן מיט זײַן הילכי־קײַט. כ'האָב זיך געלאָזט לויפן. אזוי איז ווארעמער געווען אין די פיס. נאָר דאָס פּראָסטיקע ווינטל האָט ווייטעקלעך געביסן דעם שטערן, די באקן, די נאקעטע ליטקעס אונטערן קליידל. עס האָט פארשלאָגן דעם אָטעם. לאנג לויפן אזוי איז אומעגלעך געווען.

וואָס נעענטער איך בין צוגעגאנגען צום אלטנס שטוב, אלץ גרעסער איז אין מיר געוואקסן דער ראכמאָנעס צו זיך אליין. „אָט שיקט איר מיך, יאָ, צום פארביסענעם אלטן, און איך וועל באלד נעמען און אוועקשטארבן. אינגאנצן פארפרוירן ווערן. דערנאָך וועל איך נאָך אײַך אָנקוקן, ווי איר וועט מיך באוויינען. איר'ט האָבן כאראָטע, וואָס איר האָט מיך געשיקט. בעסער וואָלט איר געגאנגען אליין...".

די סאמאָילאָווס האָבן געלעבט אין א גרויסער, מיט ברעטער געדעק־טער שטוב. מענטשן זאָגן, אז זיי האָבן פארמאָגט עטלעכע זין, און אז פאר דער מילכאָמע האָבן זיי דאָ געוווינט אלע אינאיינעם. הײַנט זײַנען אלע זייערע זין אפן פראָנט און ביידע אלטע באלעבאטעוועס דאָ אליין. אָט באווײַזט זיך שוין זייער שטוב פונדערווײַטנס. פאר מוירע בין איך אוועק גאָר פאמעלעך. נאָר ווי שטיל מע גייט ניט, האָט דער וועג סײַווי אן ענדע. ביפראט בא א שטארקן פראָסט. כ'בין צוגעגאן צו דער פירטקע. ארײַנגע־קוקט אין א שפּעלטל. זיך דערקונדיקט, אז דער גוטמוטיקער לויטן אויס־זען, נאָר אינדערעמעסן בייזער און טומלדיקער קודלאטער שאריק איז צוגעבונדן, א שלעפּ געטאָן פארן קייטל — אופגעהויבן די קליאמקע. שאַ־ריק האָט זיך טייקעף פארכלינעט מיט א הילכיקן געביל. איך בין ארײַן אין הויף, מיט א זײַט, ניט געכאפּט דורכגערוקט זיך פארבײַ דעם הונט,

גוט געדענקענדיק, אז לויפן אין אזא פאל טאָר מען ניט: מאלע וואָס ער איז צוגעבונדן, ווער ווייסט אים... אופגעהויבן זיך אפן ציכטיק אויסגעריי־בענעם גאנעק. אינעם פינצטערן, שמעקנדיקן מיט פעך פאָרהויז, לאנג ארומגעקערט מיטן בעזעם די שיך, צו וועלכע עס איז ניט צוגעשטאנען קיין קאָפּ שניי.

— קום שוין אריַין! וואָס קראַצטו זיך דאָרט, ווי א מויז? — האָט זיך דערהערט פון אינווייניק דעם אלטנס גיפטיק קעלעכל.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אריבערגעשפאנט די שוועל פון דער גוט אָנגעהייצטער שטוב.

— זדראסטע! נאָך מילך בין איך. — האָב איך ווי אויסגעשאָסן.

דער אלטער איז געזעסן אין ווינקל אונטער די איקאָנעס. אין צימער איז טונקל געווען, און בא דער שוואכער שיַין פונעם קאנעצל האָבן די איקאָנעס „געקוקט" פונדערוויַיטנס אומבאקאנט און א ביסעלע מיך גע־שראָקן. אין הרובע האָט אָנגענעם־פריילעך געקנאקט טרוקן האָלץ. אין טאָפּ אף דער פּליטע האָט עפּעס געבולקעט. א ליכטיקער אָפּשיַין פונעם פיַיער האָט געשפּילט אפן אלטנס באָרד.

— נו, און געלט האָסטו געבראכט? — איז מיך גליַיך גיפטיק באפאלן דער אלטער, און דאָס האָט געשראָקן מיך מערער פון אלץ.

— נע־ייִן, — האָב איך אויסגעצויגן דעם ענטפער און אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— און ווי גרויס איז דער כויוו, ווייסטו כאָטש? — איז דער אלטער ניט אָפּגעשטאנען.

— א־הא, — שאָקל איך מיטן קאָפּ.

— „א־הא", — קרימט ער מיך איבער און טוט א טרייסל דערבּיַי מיטן בערדל, ווי דעם באלעגאָלעס ציג. — אָנגעפאָרן אהער פארשידענע! גע־רופן האָט מען אַיַיך, יאָ?!

— און מיר זיַינען ניט אומיסטן, — בין איך באליידיקט געוואָרן.

— „ניט אומיסטן"! דיך פרעגט מען ניט. דו שוויַיג, אז עלטערע ריידן! און די מוטער דיַינע איז אויך א קלוגיטשקע: אליין קיין געלט האָט זי ניט, שיקט זי דאָס קינד. זאָל זי צו מיר קומען! מיט איר וועל איך ריידן!

אין קאָל פונעם אלטן הערט זיך מיר, אז דער מאמען דראָעט א סאָ־קאָנע. און איך בין שוין גליקלעך, וואָס ניט זי איז אהערצו געגאנגען. ווער

קאָן עס וויסן, וואָס דער פאַרביסענער אַלטער איז גרייט אָפּטאָן דער מאַ־מען?

— ליידיקגייערס! — שטעלט זיך ניט אָפּ דער אַלטער. — גאָרנישט פאַרמאָגט איר ניט.

איך פאַרשטיי שוין, אַז געגאַנגען בין איך אומזיסט, קיין שום מילך וועט מען מיר ניט געבן. גוט נאָך, אויב ס'וועט געלונגען אומקערן זיך אינדערליכטיק אהיים. כ'דריי זיך אומגעשיקט אויס און גיב אַ שפּאַר די שווערע, באַקלאַפּטע מיט אַלטע זעק טיר.

— וווהין?! — שפּרינגט אונטער דער אַלטער טערעך, און איך, אַ דערשראָקענע, טוליע זיך שטײַפער צו צו דער טיר. — וווהין?! אַ פּיצל, און שוין אַזאַ גאַדלעסדיקס — קערעוועט די נאָז.

מיר גלוסט זיך וויינען: קיין מילך גיט ער מיר ניט, און ער שרײַט נאָך... אַ פאַרביסענער אַלטער!

— מאַרפּאַ! — גיט ער פּלוצעם אַ רוף מיט זײַן דורכדרינגלעכן קאָל אין דער זײַט פונעם פאָרהאַנג. — מאַרפּאַ! ווו ביסטו דאָרט ערגעץ, אַלטע כאָליערע? די ייִדן זײַנען נאָך מילך געקומען. הערסטו, צי ניין?!

דער אַלטער ברומט נאָך עפּעס, אָבער איך הער זיך שוין ניט צו. פון הינטערן פאָרהאַנג גייט פּאַוואָליע אַרויס די אַלטע סאַמאָיליכע, אַ דיקע, מיט רויטע הענט, אין אַ לאַנג ברוין לײַוונטן קליידל. בייסמײַסע ווישט זי אַרום מיטן פאַרטעך אַ פאַרשוויצט קריגל — די מילך האָט, ווײַזט אויס, געוואַרט אויף מיר. זי גיסט זי איבער אין מײַן קיילע אַרײַן און מיט אַ שלעכט פאַרשניצטן רעשטל פון אַ בלײַער מאַכט זי נאָך איין סימען אָפּן ווײַסן ווענטל אין ווינקעלע בײַ דער הרובע. מיסטאָמע איז דאָס אונדזער כעזשבן...

און איך בין ביז הײַנט נאָך ניט זיכער, צי האָט זיך אונדז אַמאָל אײַנ־געגעבן צערעכענען זיך מיטן כוויו.

אַרויס בין איך פון דאָרטן פאָרט אַ צופרידענע: אין קיילע בײַ מיר האָט זיך געפּליעסקעט די מילך, די מאַמע האָב איך געראַטעוועט פון אַ סאַקאָנע, און אַרײַנכאַפּן פון איר פאַר ניט גיין נאָך דער מילך וועל איך אויך ניט. ווער קאָן זיך גלײַכן צו מיר? נאָר דער פאַרדראָס איז בײַ מיר נאָך ניט דורכגעגאַן:

— „ליידיקגייערס! ווער האָט אײַך גערופן אהער?" — האָב איך מיט

אופרעגונג איבערגעכאַזערט דעם אַלטנס טײַנע. — און וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו זאָגן אַזוי?! קוק אים נאָר אָן, דעם פאַרביסענעם!

אָבער מילך האָט ער דאָך געגעבן... און האָט נאָך אַ סאַך מאָל געגעבן.

# דאָס ערשטע פעלד

אינדערפרי האָט די מאַמע מיך אויפגעוועקט קאַיאָר, ווי געווײנלעך. ס'איז נייטיק געווען באַגיסן די אוגערקעס ביז די זון הייבט זיך אויף און הייבט אָן צו שמעלצן. איך האָב ליב געהאַט זיך אײַסעקן מיטן גאָרטן, און כאָטש די אַרבעט איז געווען ניט פון די גרינגע — טאָגטעגלעך פלעגט זי אַוועקנעמען גענוג קויכעס מיט אַ היפש ביסל צײַט, — דאָך איז זי געווען ניט איבעריק שווער. באַם ווערלדל אונטערן גאָרטן האָט באַ אונדז געשלאָגן אַ קוועלעכל. מיט די באַרוועסע פיס האָב איך שוין אָן אַ צאָל מאָל איבערגעמאָסטן דעם וועג אַהין און צוריק און מײַנע אַקסלען האָבן זיך שוין אויך צוגעוווינט צו דעם קאָראָמיסל. כ'האָב אָנגעשעפּט וואַסער און באַגאָסן די בייטלעך מיט אוגערקעס, דערנאָך דורכגעיעט אַ שטיקל גאָרטן, ווו ס'זײַנען פאַרזייט געווען מערן, און ווען כ'האָב זיך אַ ביסל אופּאָרעט און בין ענדלעך אַרויס פונעם הויף צום ברונעם נאָך וואַסער פאַר דער קיך, איז שוין געוואָרן אַזייגער צען. דערפאַר האָט מיך ניט ווייניק פאַרכידעשט, וואָס אין גאַס האָב איך ניט געטראָפן קיינעם פון מײַן כאַווריסטע. געווײנטלעך פלעגט אין דער צײַט זיך פאָרען באַ זיך אַפן גאָרטן ליובקע קאָוואַלענקאָ אין איר בונט קלײדל, וואָס זי האָט זומער שטענדיק געטראָגן, ס'פלעגט נאָך פונדערווײַטנס שווינדלען צווישן די שטאַכעטן פון זייער שיטערן פּלויט; לעבן פאַליאַקאָווס שטיבל פלעגט שוין אַמיינסטן אַרומשפּרינגען זייער שורקע, ליאָנקעס שוועסטערל.

„וווהין זײַנען זיי דאָס אַלע אַהינגעקומען? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — אַ סוואַרע מע שלאָפט נאָך, צי וואָס? עפּעס גאָר ניט געראָטן אין זיי", — האָב איך מיר ווײַטער געטראַכט, איבערכאַפּנדיק בייסמײַסע מיט די הענט דעם גלאַטן, אָנגעריבענעם ביז אַ גלאַנץ לאַנגן און דינעם שטעקן

פון דעם קרענעצע־זשוראוול. געבראכט די וואסער, האָב איך זיך ווידער גענומען באלעבאטעווען אין הויף און אין גאָרטן — באטאָג איז סײַווי קיין צײַט ניט געווען צו שטיפן, און אין די מיידלעך האָב איך קימאט ווי פארגעסן. נאָר פון צײַט צו צײַט זײַנען זיי מיר ווידער געקומען אפן געדאנק. ביז איך האָב, סאפקאָלסאָף, ניט אויסגעהאלטן און בין ארויס־געשפרונגען אין גאס. ניין, ניטאָ קיינער! אָט אן אָנשיקעניש — אין ערגעץ זעט מען זיי ניט. איך האָב דערפילט, אז דאָ איז עפּעס ניט קיין גלאטע מײַסע.

— זע נאָר, ערגעץ פארשוווּנדן און אפילע קיין וואָרט ניט געזאָגט, — ערגער איך זיך און טײַנע שטיל צו זיך אליין. איך טו א דריי מיט די אקסלען, ווי אונדזערע גרויסע דאָרפס־מיידלעך טוען, די ווינקלעך פון מײַנע ליפּן גיבן זיך א לאָז אראָפּ, פאַרוווּנדערט און מיט א פארדראָס קער איך זיך אום צוריק אין הויף ארײַן און נעם זיך האסטיק מיטביידע הענט אויספּליקן די צעוואקסענע ווילדע גראָזן פון צווישן די מערן.

פארנאכט, ווען די זון האָט זיך שוין גענייגט צום וואלד און איך האָב אין דער היים באוויזן אויספילן אלע מײַנע פליכטן, בין איך ווידער ארויס אין גאס. ס'איז אָנגעקומען אונדזער פארדינטע צײַט אף צו שפּילן זיך.

— א־הא, אָט זײַנען זיי דאָך! — האָב איך פאר זיך אָפּגעמערקט באַ־פרידיקט, — אין ערגעץ ניט פארפאלן געוואָרן.

ליובקע מיט שורקען זײַנען ביידע געזעסן אף דער פריזבע אונטער די פּאָליאקאָווס פענצטער. מיך האָבן זיי טייקעף באמערקט, נאָר רעאגירט אף מײַן אָנקומען עפּעס מאָדנע: געקוקט אין מײַן זײַט גאדלעסדיק און אָפּגעפרעמדט, פּונקט ווי זיי וואָלטן לעכאָלהאפּאָכעס געפונען אן אויצער און ווילן זיך איצטער ניט טיילן מיט מיר. איך האָב זיי גלײַך כוישעד גע־ווען אין אן אומרעכט און האָב דאָס גאָרניט געלייקנט.

— וואָס מאכט איר זיך עפּעס אזוי גרויס? — בין איך אף זיי אָנגע־פאלן נאָך פונדערווײַטנס. — ווו זײַנט איר דאָס ערגעץ פארפאלן געווען דעם גאנצן טאָג?!

שורקע איז געזעסן אָנגעשפּארט מיט די אויסגעצויגענע הענט אין דער פריזבע און האָט געשאָקלט מיט די פיס, ביז צו דער ערד האָבן זיי ניט דערלאנגט.

— אף ארבעט! — האָט זי שטאָלץ אויסגעשאָסן און בייסמײַסע א קע־רעווע געטאָן אין א זײַט איר קײַלעכדיק פּענעמל אזוי, אז דאָס קלײַנ־

דיקע פאַריסענע נעזל אירס האָט זיך אונטערגעהויבן דערבײַ נאָך העכער און האָט זיך אָנגעשטעלט אָף מיר מיט אַ קליין שוואַרצינק נאָזלעכעלע.

— נאָך וואָס? וואָס איז דאָס עפּעס באַ אײַך פאַר אַן ארבעט אזא?

— „נאָך וואָס, נאָך וואָס“! — האָט שורקע מיך איבערגעקרימט. — קאָלווירטנע ארבעט, וועלכע דען נאָך!

אָף אזא ענטפער האָב איך זיך גאָרניט געריכט און האָב דאָס אפילע גלײַך ניט פארשטאַנען. סטײַטש! שורקע — דער קלעק! — האָט געארבעט, ווי אַ דערוואַקסענע? איך בין אנטוישט. כ׳וועל אנשטומט און כאַפּ אַ קוק אָף ליובקען: יענע איז עלטער פון שורקען און אפילע אַ ביסעלע עלטער פון מיר. זי זיצט אָף דער פריזבע ווי אַ גרויסע, באלעבאטיש צונויפגעלייגט די הענט אָף די קני און קנאַקט פאַראַיאָריקע צעדער־ניסלעך.

— מיר האָבן געיעט דאָס ברויט, — האָט זי ערנסט געמאָלדן.

— און מע האָט אונדז פארשריבן צו אַ טאָג ארבעט! — שטעלט שטאָלץ אַרײַן שורקע.

דאָס איז פאַר מיר אַ נײַס. ביז דאַן זײַנען מיר אלע געווען פּאַשעט מיידלעך. זיך פאַרנומען מיט שטוב־ארבעט, ווי ווײַט מעגלעך געהאָלפן די עלטערן באַארבעטן די גערטנער. נאָר יענץ דערווײַטערטע, דערוואַקסענע, וואָס רופט זיך אָן ארבעט, האָט פאַר מיר גופא, באַ מײַנע קנאַפּע נײַן יאָר, אויסגעזען ערגעץ גאָר ווײַט־ווײַט. די דערוואַקסענע פלעגן גיין צו דער ארבעט, און איך האָב מיט אלע מײַנע איווורים געפילט, ווי דאָס איז וויכטיק. ס׳איז גאָר קיין פארגלײַך ניט מיטן אײַסעקן זיך באַ די בייטלעך פונעם אייגענעם גאָרטן. אָט הערט זיך נאָר אײַן: „גיין צו דער ארבעט“... שוין אפילע אין די ווערטער אליין פילט זיך עפּעס מאַמאָשעסדיקס, סוידעספּולס, טאָמער ווילט איר, און דאָ — ווער? — שורקע, וועלכע איז ייִנגער פון מיר, וועמען מיר נעמען מיט ליאַנקען אפילע ניט שטענדיק אין קאָן אַרײַן, ווען ס׳האַלט באַ אַן ערנסטער שפּיל, אָט די דאָזיקע שורקע גייט שוין אָף ארבעט! איך בין נישטוימעם געוואָרן.

— און ווי... ווי זײַנט איר עס געפאַלן אפּן סייכל צו גיין ארבעטן? — וויל איך זיך דערוויסן די פּראָטים און כ׳קלײַב פון צעמישטקײַט שווער אונטער די נייטיקע ווערטער.

— דער בריגאַדיר האָט אונדז אײַנגעלאַדן, — ראַפּאָרטירט מיר אָפּ שורקע און זי ווערט אזש צעבלאָזן פון שטאָלצקײַט. איך בין פארטיליקט.

כ'וועד באַ זיך געפּאלן. אַ ווײַלע שווײַגן מיר אַלע, דערנאָך נעם איך זיך אָן אַ ביסל מיט מוט און פרעג שטילערהייט:

— און איך... איך מעג גיין מיט אײַך צו דער אַרבעט?

— ווער דאַרף דיך דאָרט האָבן?! — גיט זיך שורקע אַ קרים אין מײַן זײַט.

— אײַ! זאָל זי אויך גיין, — מישט זיך דיפּלאָמאַטיש אַרײַן ליובקע. זי פאַרשטייט, ווײַזט אויס, אַז זיי אַליין האָט דער בריגאַדיר גערופן אויך ניט צוליב פּאָשעט פאַרדינען אַ מיצווע, און אַז נאָך אַ פּאָר הענט באַ דער אַרבעט וועט גאָר ניט זײַן איבעריק. איך בין אויפגעלעבט געוואָרן:

— עמעס?! איר לאַכט ניט? און ווי דערוויס איך זיך, ווען דאַרף מען גיין?

— איך וועל פאַרלויפן נאָך דיר, — האָט גרויסמוטיק צוגעזאָגט ליובקע.

קיין שפּיל האָט זיך יענעם אָפּדערנאַכט ניט באַקומען: מיט אַזאַ ערנ־סטער יעדיע האָט מען באַדאַרפט געוווען זיך אײַלן אַהיים. אין שטוב האָב איך וועגן מײַן נײַס ניט גלײַך דערציילט. כ'האָב דערפילט, אַז דאָ פּאַסט ניט צו פּילדערן. איך האָב נאָר פאַרן שלאָף געזאָגט צו דער באָבען ערנסט און ווי דערעכאַגעוו:

— באַ, וועק מיך מאָרגן אויף פריער. איך גיי צו דער אַרבעט.

כ'האָב זייער געוואָלט, ס'זאָל זיך באַקומען באַ מיר וואָס פּראָסטער, אַזוי, ווי די מאַמע וואָלט עס געזאָגט. און וואָס איז דאָ טאַקע אַזעלכס, נאָך אַלעמען? אַ מענטש גייט זיך גאַנצפרי צו דער אַרבעט. די באָבע האָט קלוג אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט אירע שיינע ליכטיקע אויגן: נו, אײַנ־דערעמעסן טאַקע, וואָס איז דאָ אַזוינס? נאָר געקוקט האָט זי עפּעס זייער לאַנג און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, צו אויפמערקזאַם. געזאָגט האָט זי גאָרניט, כוץ אַ קורצן „גוט, כ'וועל דיך אויפוועקן", און איך בין דערמיט געוועזן זייער צופרידן.

נאָר וועקן מיך האָט מען פאַרשפּאָרט. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אַליין, ווען אין שטוב איז נאָך געווען גאַנץ טונקל.

— אוי, וויי איז מיר, פאַרשלאָפן! — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן און בין פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אויוון־אויוון, ווו איך בין געשלאָפן אויך זומער. דער אַלטער זייגער מיט אַ קאַצישער צורע אויפן ציפערבלעטל האָט שטיל און שלעפּערדיק געפּלאָנטערט מיטן אומרו. די ווײַזערס האָבן גע־האַלטן ערגעץ באַ פינף.

— א סוואָרע דער זייגער שטייט אָפּ? — האָב איך זיך געערגערט און א קוק געגעבן דורכן אָפענעם פענצטער אין דרויסן. דאָרט איז געווען שטיל און פוסט. נאָר אין דער הייך ערגעץ, צווישן די צווייַגן פון דעם קרומען טשעריאָמוכע־בוים האָט זיך פריילעך געגומען באַוויזן דער אָנ־קומענדיקער פרימאָרגן. כ׳האָב אַף קאַטאָוועס אַ שווענק געטאָן פון דער האַנטפּאַס די הענט מיטן פאַנעם און האָב שטיל זיך אוועקגעזעצט וואַרטן. אַפן טאַפּטשאַן האָבן טיף און רויק געעטעמט די מאַמע מיט דער באָבען, אַפן אויוון האָט אונטערגעכראַפּעט דאָס שוועסטערל און אַזוי שלעפּערדיק איז געווען אַרום, אַז אַפילע די פליגן זייַנען אויך אייַנגעשטילט געוואָרן. גאָר אומגערן האָב איך אליין אויך אַף אַ רעגע געכאַפּט אַ דרעמל, נאָר איך האָב טייקעף זיך אופגעכאַפּט, דערשראָקענערהייט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שלאָף און שוין געווען איינגאַנצן וואַכנדיק.

די צייַט האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. די ווייַלע איז מיר געוואָרן צו גרויס און כ׳האָב זיך מאַמעש קיין אָרט ניט געפונען.

— זע נאָר, ווי מ׳איז זיך צעשלאָפן! — האָב איך זיך געכידעשט.

ענדלעך האָט די גאַס אָנגעהויבן אופצולעבן. איבערן דאָרף האָבן זיך צעקרייט די הענער, בעהיימעס האָבן זיך געלאָזט הערן פון די שטאַלן. באַ די פּאָליאַקאָווס איבער דער גאַס האָט מען אַ קלאַפּ געטאָן מיטן מעלק־עמער — די אַלטע פּאָליאַטשיכע איז, ווי דער שטייגער, אַרויס אין דרויסן די ערשטע. שפּעטער אַ ווייַלע האָבן זיך צעסקריפּעט די טירן באַ די קאָ־וואַלענקאָס. איך האָב זיך באַאומרויקט און שוין אָנגעהויבן זיך צאַפּלען: וואָס שלאָפן זיי הייַנט אַזוי לאַנג? די באָבע האָט פּונקט זיך אַ דריי געטאָן אַפן טאַפּטשאַן.

— אָ־כאָ־כאָ, — האָט זי אַ גענעץ געטאָן, צעריבן אירע קורצזיכטיקע אויגן און אָנגעטאַפּט לעבן זיך די ברילן. — אָ! — האָט זי מיך באַמערקט, — דו שלאָפסט שוין ניט?!

איך האָב פאַראַקשנט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. ס׳האָט געדויערט נאָך אַ ביסל, און פאַרביי אונדז איז דורכגעגאַנגען די טשערעדע. אומגעדולדיק האָב איך אַ כליאַבטשע געטאָן עטלעכע לעפל פונעם נעכטיקן קראָפּעווע־געקעכץ, און האָב זיך קוים דערוואַרט, ביז ליובקע איז נאָך מיר אַרייַן:

— קום גיכער! — האָט זי אַ רוף געטאָן איבעראַשט, און אירע אויגן האָבן ווי אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך שטאַרק ערגעץ געאייַלט, זיך אויסגע־

קײַלעכט און געמאכט זי אַ ביסל מעשוגע. — אָט גײען די װײַבער פֿונעם קאָהאָלשן הויף, מיר מיט זײ!

איך בין שװאַליאָם אַרויסגעפֿליגן פֿונעם הויף. די באָבע האָט מיך געבענטשט דורכן פֿענצטער און געװאָלט, װײַזט אויס, עפּעס מיר אָנזאָגן, נאָר איך בין אַנטלאָפֿן. פֿון דער טיף דאָרף האָבן זיך שוין דערנעענטערט אַ פּאָר צענדליק װײַבער. מיר האָבן זיך צוגעשטעלט פֿונהינטן. דאָ האָב איך דערזען נאָך עטלעכע באַקאַנטע מײדלעך: לענקע פּאַטראַכינען פֿון איבערן טײַך, נאַטאַשקע סעראָװען — אויך ניט פֿון אונדזער זײַט דאָרף. טשיקאַװע, אַז װען אַזאַ כעװרע מײדלעך נעמט זיך באַ אונדז צונויף אין אַן אַנדער פֿאַל, שטיפֿט מען, מע מאַכט זיך נאַריש. דאָ האָבן מיר זיך נאָר געגריסט און שנעל נאָכגעגאַנגען דעם אוילעם, שטיל איבערװאַרפֿנדיק זיך מיט געציילטע װערטער, פּונקט װי די דערװאַקסענע.

פֿון הינטערן װאַלד האָט זיך אַרויסגעװיזן אַ גרויסע, נאָך גאָרניט קײן הײסע זון. דער אָפּגעקילטער פּאַר דער נאַכט שטויב איז געלעגן אָפֿן װעג װײך און פּוכיק. ס'איז געװען אָנגענעם אים צופּלעטשן מיט די באָרװעסע פֿיס און פֿילן, װי ער רינט קיל דורך צװישן די פֿינגער. אַ דריטהאַלבן װיאָרסט פֿונעם דאָרף האָט ליובקע פּלוצעם אויסגעשריִען:

— שטײט, מײדלעך, מיר זײַנען געקומען!

די װײַבער זײַנען זיך אָװעק מיטן װעג װײַטער, און מיר זײַנען פֿאַר־בליבן דאָ באַ אַ גרויסן גרינעם פֿעלד. דאָס פֿעלד האָט זיך אָנגעהויבן באַם סאַמע װעג. צום אַנדערן זײַט װעג האָט זיך פֿעסט צוגעטוליעט אַ יונג קוטשעראַװע װעלדל. און דאָס פֿעלד אַלײן האָט זיך אויך אָנגעשפּאַרט אין אַ װאַלד, װי אַלע פֿעלדער אַרום. אונדזערס האָט געדיכט געבליט מיט על־געלע קװײטן און ס'איז גאָר ניט געװען צו פֿאַרשטײן, װי קאָן דאָרטן װאַקסן נאָך עפּעס נוצלעכס אויך.

— און װוּ אַרבעט איך הײַנט?

— און איכ'ל דאָ, דאָס איז מײַן אָרט!

— זעסט אַ כאַכאָמע! דיר האָט נעכטן אָפּגעגליקט. דײַן שטיקל פֿעלד איז געװען רײנער, װי באַ אַלעמען! — האָבן זיך צעטומלט די מײדלעך.

— װערט נאָר אַנשװיגן! װאַרט אַ װײַלע! — האָט זיך געבײזערט אָף אַלעמען רײַקע מאַראַזאָװע, דעם קאָװאַלס טאָכטער. זי איז דאָ געװען על־טער פֿון אַלעמען און מ'האָט זי געפֿאָלגט. מעגלעך, אַז זי האָט געהאַט רעכט אָף דעם, נאָר װער ס'האָט זי באַפֿולמעכטיקט, האָב איך ניט געװוּסט. —

באַלד וועל איך יעדערן איינטיילן אַ כיילעק און איר וועט אָנהייבן אַר־בעטן. — זי האָט גענומען אויסרופן איינציקווייז די נעמען, יעדן אויסגע־רופענעם האָט זי צוגעפירט צום ברעג פעלד, אָפּגעמאָסטן צען שפּאַן אין דער לענג פון וועג און האָט אַרייַנגעשטעקט אין דער ערד אַ צווייַגל. זי האָט זיך זייער געפלייַסט, אירע שפּאַן זאָלן זיך באַקומען וואָס גרעסער, און האָט זיך אַזש צוגעזעצט פון באַמיִונג. אַזוי האָט זי צעפירט אַלעמען, ביז איך בין פאַרבליבן איינע. און איך האָב געקוקט אַף דעם אַלעם מיט צעעפנטע מויל און אויערן און גאָרניט באַמערקט, אַז כ׳בין דאָ געבליבן אַליין.

— און דיר וואָס? — האָט זיך אָנגעשטעלט אַף מיר רייַקע.

— אַרבעטן... — כ׳האָב זייער מוירע געהאַט, אַז רייַקע וועט פּאָשעט וועלן פאָטער ווערן פון מיר און האָב דעריבער מייַן „אַרבעטן" קוים דורכ־געזיפּט צווישן די ליפּן. נאָר יענע האָט גאָרניט געטראַכט טאָן מיר קיין שלעכטס. זי האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט אירע פּולע, ווי באַ אַ דערוואַק־סענער, אַקסלען און האָט אָרנטלעך אָפּגעמאָסטן אויך מיר די צען טריט. זי האָט זיך שוין גאָר געוועזן אָפּגעקערעוועט אַף אוועקצוגיין, ווי איך האָב זיך געכאַפּט:

— רייַע! און טאָן דאַרף איך וואָס?

רייַקע האָט אַ פאָרשקע געגעבן.

— וואָס!? יעטן. צי עפּשער קאָנסטו ניט יעטן? דו שיידסט אָפּ אַ ווייץ פון פּאָשעטן גראָז?

יאָ, אָפּשיידן האָב איך געקענט. ערשט פאַראַכטאָגן האָט מיר די מאַמע באַוויזן, ווי דאָס ברויט וואַקסט אין פעלד, און מייַן נעשאָמע איז איבער־געפולט געוואָרן מיט צאַרטקייַט און ליבע צום דינינקן גרינעם געוויקסע־לע. אָבער, ריבוינעשעלוילעם, וויפל פאַרשיידענע אַנדערע, גראָבע און קרעפּטיקע געוויקסן זייַנען זיך צעוואַקסן אַרום דעם דאַרינקן שוואַכינקן שטענגעלע, וואָס מע זעט דאָס קוים אַרויס! כ׳האָב אַפילע קיין נעמען פאַר דער מערהייַט פון די געוויקסן ניט געוווּסט. ניצאָכנדיק האָט געל געבליט דער מאָלאָטשייַ. דער אָסאָט האָט ברייט צעוואָרפן זייַנע בייזע שטעכיקע בלעטער. דיגינקע, אָבער שטייַפע צמאָכים מיט קייַלעכדיקע העל־גרינע בלעטלעך האָבן זיך, ווי שראָצים, געשלעפּט איבערן פעלד. און נאָך, און נאָך...

דאָס אַלץ איז געווען אַרומגעפּלאָנטערט מיט לאַנגע געפלאָכטענע געוויקסן און פון דער ערד האָבן פון אַלע זײַטן ערטערווײַז געשטעקט נאָך הויכע צוויַיגאַרטיקע גרעזער. יעטן האָב איך, פאַרשטייט זיך, געקאָנט, נאָר... ביז דאַן האָב איך אַמיינסטן געיעט בלויז מערן. כ׳האָב זיך צוגעזעצט צו דער ערד און האָב גענומען אויסרײַסן אַלע געוויקסן אַרום די נידעריטשקע און שיטערע שטענגעלעך ווייץ. לויטן שטויב אַפן וועג וואָלט די ערד באַדאַרפט געווען זײַן גענוג ווייך, ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז זי איז גאָר פאַרשלאָגן און האַרט, ווי שטיין. קנוילן פאַרטריקנטע ליים זײַנען דורכגעשפּיגעוועט געווען מיט וואָרצלען און מ׳האָט געמוזט גוט אײַנהערן זיך אין דער ערד מיט די פינגער, קעדיי ברענגען דאָס פעלד אין אַן אָרדענונג. איך האָב זיך זייער באַמיט טאָן דאָס ווי ווײַט מעגלעך גיכער. די אַרבעט האָט מיך פאַרכאַפּט און כ׳האָב אַפילו פאַרגעסן, ווו איך האַלט ערגעץ אין דער וועלט. נאָר ווען כ׳האָב ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אויסגעגלײַכט, בין איך ניספּאָעל געוואָרן. די מיידלעך... אַלע מיידלעך, — אַפילו די קליינע שורקע פּאָליאַקאָווע! — זײַנען אַוועק ווײַט־ווײַט פאָרויס. איך האָב אַלץ נאָך געהאַלטן באַם סאַמע וועג, און זיי אַלע האָבן זיך שוין דערנעענטערט צום גרויסן קוסט, וועלכן כ׳האָב אָנגעמערקט זיך פאַר אַ סימען. איך האָב זיך נידעריק אָנגעבויגן, קעדיי ניט צוזען מײַן ביזאָיען, און האָב גענומען רירן מיט די הענט נאָך פלינקער. אַזוי גיך, ווי כ׳האָב נאָר געקענט. כ׳האָב געריסן, געריסן, געריסן די פאַרשאָלטענע שטעכיקע שטענגלעך פונעם אָסאָט, האַסטיק געפליקט דעם מאָלאָטשײַ, וואָס האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין דער ערד אַף אים ניט בײַצוקומען. נאָר מער פון אַלץ האָבן מיך געמאַטערט דאַפקע די קלייניקנע גרעזעלעך, וועלכע זײַנען געוואַקסן דאָ אָן אַ צאָל, און ביז צום אויסרייניקן אַרום יעדן ווייצענעם געוויקסעלע האָב איך זיך גוט באַגאָסן מיט שווייס.

אַזוי האָב איך געהאָרעוועט מיט אַלע קויכעס, און אַז כ׳האָב זיך ווידעראַמאָל אַרומגעקוקט, איז מיר מאַמעש פינצטער געוואָרן אין די אויגן: איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטן באַם אָנהייב, און די מיידלעך זײַנען שוין געווען לעבן דעם קוסט... אין מיר האָבן זיי, ווײַזט אויס, פאָשעט פאַרגעסן, מאַכמעס ווען ניט, וואָלטן זיי אומבאַדינגט זיך אַרומגעקוקט, כאָטש קעדיי אויסלאַכן מיך. נאָר זיי זײַנען אַלע אָן ווערטער פאַרטיפט געווען אין זייער געוווינטער פעלד־אַרבעט. און בא אונדז אין שטאָט, פונוואַנען מיר זײַנען אָנגעקומען, איז קיין ווייץ ניט געוואַקסן... מיך האָט אַרומ־

געכאַפּט אַ פאַרצווייפלונג. ס׳איז מיר געוואָרן שרעקלעך און אומעטיק. כ׳האָב דערפילט זיך פאַרוואָרפן און עלנט ניט נאָר אפן אַנבּרעגיקן גרייּנעם פעלד, נאָר אויך אין דער גאַנצער גרויסער ליכטיקער וועלט. ערגעץ וויַיט־וויַיט פונדאַנען פאַרמאָג איך אַ מאמע, אַ באָבע. די וויַיטקיַיט שטעלט זיך מיר פאָר אומגעהייער. מיַינע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן, הייסע ריטשקעס רינען איבער די באַקן, זיי מישן זיך איבער מיטן שווייס, וואָס באַדעקט מיר דאָס פּאָנעם, און כ׳דערפיל מיטן צונג די געזאַלצענע בייּטערקיַיט פון מיַין לאַגע. אָפּווישן זיך קאָן איך ניט — מיַינע הענט זיַינען זייער פאַרבלאָטיקט און כ׳היט זיך פון אויסשמירן די באַקן: פונעם מאָךּלאָטשיַיענעם זאַפט ווערט די הויט שוואַרץ און די קויטיקיַיט וואַשט זיך דערנאָך לאַנג ניט אָפּ. כ׳זעץ זיך אַראָפּ נאָך נידעריקער און ריַיס, און ריַיס האַסטיק, אָן אופהער די וויסטע שטיַיפע גרעזער...

— וואָס שפּילסטו זיך דאָ? — קערט מיך פּלוצעם אום צו דערווירקּלעכקיַיט אַ שטרענג וויַיבערש קאָל.

ס׳האָט מיך מאַמעש צוגעפּלעצט צו דער ערד. אַזאַ מין אומרעכטו! איך בין געבליבן זיצן אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי נאָך אַן אויסערגעוויינלעכן דונער, דערנאָך פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אופגעהויבן די אויגן. איבער מיר איז געשטאַנען דער בריגאַדיר מומע שורע וואַראַקסינע.

— איך שפּיל זיך ניט, — האָב איך שטיל דורכגעמורמלט באַליידיקט און איבערגעשראָקן. — איך אַרבעט.

— דו אַרבעטסט?! — פרעגט מיך שטרענג איבער די מומע שורע, נאָר אין איר קוק שווינדלט מיר דורך עפּעס אַזוינס, ווי בא מיַין מאַמען, ווען זי בייזערט זיך אף מיר, נאָר אין האַרצן טראָגט זי ניט קיין רויגעז.

— ברויט יעט איך, — האָב איך דערקלערט. די מוירע איז אוועק, דער פאַרדראָס האָט זיך אין מיר געהויבן. זי וויל ניט באַמערקן, צי וואָס?

— ברויט יעטסטו, — רעדט מיך איבער די מומע שורע. — און ווער טוט דאָס אַזוי? מ׳האָט דיר דען ניט באַוויזן, ווי מ׳דאַרף יעטן?

איך האָב זיך אָנגעבלאָזן און האָב געשוויגן. דעם עמעס האָב איך דאָך ניט געקאָנט איר אויסזאָגן, אַז יאָ, ניט באַוויזן.

— זע נאָר, ווי ריין! — האָט זי מיט אַ שמייכל ניט ווילנדיק מיך אַ לויב געטאָן. — אף כידושים. אָבער אַזוי יעט מען דאָך מערן. — און זי האָט מיך אויסגעלערנט, אַז אויסריַיסן דאַרף מען בלויז די גרויסע און גראָבע בוריאַנען. איך האָב זיך אפּסניַי געכאַפּט צו דער אַרבעט און די

מײַסע איז אוועק א סאך פריילעכער. כ׳האָב זיך שוין דערווײַטערט פון וועג אף אָנזיכטיקע עטלעכע שפאן, ווען ס׳האָבן זיך פונדערווײַטנס דערהערט קינדערשע קוילעס. פון אונטערן בערגל האָט זיך באוויזן א גאנצע כאליאסטרע קליינוואַרג. צווישן זיי האָב איך דערקענט אויך מײַן שוועסטערל דוווירקען.

— אוי, סלאַווקע! — האָט זי מיך באמערקט און א לאָז געטאָן זיך צו מיר איבערן פעלד.

— פּאמעלעך, דאָס ווייץ ניט צעטרעטן! — שטעל איך זי אָפּ און וואָרן שטרענג. דוווירקע שרעקט זיך א ביסעלע איבער און פּרוווט זיך — טאקע פּאמעלעך — אף די שפּיץ פינגער דערקלײַבן צו מיר צווישן די גרעזעלעך. אינעם רעכטן הענטעלע האלט זי א ווײַס קלומעקל און אײַנהאלטן דאָס גלײַכגעוויכט גיט זיך איר אײַן גאָר ניט גרינג.

— דו ארבעטסט, יאָ? — דערפרעגט זיך דוווירקע פארגאַפּט.

— אוואַדע ארבעט איך, — ענטפער איך איר מיט גאַדלעס, פּונקט ווי כ׳וואָלט ערשט מיט א שאָ צײַט צוריק זיך דאָ ניט באוואַשן מיט זאָדיקע טרערן. דוווירקע איז איבעראַשט און איז מיר מעקאַנע. זי בייגט אָן צום אקסל איר טונקל קוטשעראַווע קעפּעלע און קוקט אף מיר מיט ברייט צעעפנטע אייגעלעך, ווי, לעהאַוודל, א הינטל.

דאָס איבעריקע קליינוואַרג — ברידערלעך, שוועסטערלעך — האָבן זיך צעשאָטן איבערן פעלד.

— שאַ־אַ־באַש וואַ־אַר־מעס! — האָט זיך צעטראָגן אין דער שטילער לופט רײַקעס קאָל.

מיר איז געווען א כאַרפּע מיט א ביזאָיען צוגיין צו די מיידלעך: מ׳וועט זיך נאָך נעמען דערפרעגן, אויסלאַכן. מיר האָבן זיך אנידערגעזעצט באַזונדער אין גראָז בא דעם וועג און צעבונדן דאָס קלומעקל.

— דאָס האָט די באָבעניו אָפּגעבאַקט פאר דיר פּלעצעלעך, — האָט מוידיע געווען דוווירקע, אָנשטעלנדיק אפּן עסנוואַרג אירע הונגעריקע אויגן און שלינגענדיק די סלינע. זי האָט פארשטאַנען, אז די פּלעצעלעך זײַנען געמאַכט פונמײַנעטוועגן, פאר אן ארבעטס־מענטש, אָבער עסן איז זי געווען שטענדיק גרייט, אציַנד — אוואַדע און אוואַדע. געבראַכט האָט זי קוים אף איין צאָן פאר מיר אליין, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט צוזען גלײַכגילטיק, ווען זי האָט פון עפּעס געליטן, ביפראַט איצטער.

מיר האָבן זיך אײַנגעטײלט מיטן קיבעד, פּאַרטרונקען מיט קאַלטער וואַסער און איך האָב זיך שווער אופגעהויבן:

— מ׳דאַרף אַרבעטן...

כ׳האָב זיך ווידער פּאַרטיפט אינעם אײַסעק. נאָכן „מיטיק״ האָט זיך געאַרבעט נאָך שווערער, נאָר איך האָב אָף דעם קיין אַכט ניט געלייגט.

— שאַ־אַ־וין! שאַ־אַ־באַש! — האָב איך אומגעריכט דערהערט רײַקעס אויסגעשריי און האָב אַזש אַ ציטער געטאָן. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך זיך אויסגעגלײַכט מיט גרויס שווערקײַט. ס׳האָט געבראָכן דער רוקן, די פּלייצעס האָבן געגנויעט, אין קאָפּ האָט געהודיעט. די הענט האָבן פּאָשעט ווי געטאָן און האָבן געשמאַרצט פון די שטעכלקעס פונעם אָסאָט און פונעם עסנדיקן מאַלאָטשײַ־זאַפּט. אין די אויגן האָט אַ ביסל געשווינדלט. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט. די זון האָט נאָך געשײַנט העל, נאָר דער טאָג האָט געהאַלטן באַם אויסגיין. פאַרן טאָג בין איך טאַקע דערגאַנגען ביזן קוסט. כ׳האָב נאָך ווײַט ניט דערגרייכט מײַנע כאַווערטעס, נאָר לעסאַטע איז דאָס פאַר מיר געווען אויך אַ גרויסער ניצאָכן.

אינגיכן איז אַפּן פעלד פון ערגעץ געקומען צו לויפן דער אַלטער סאַמאַילאַוו — דער אוטשאָטשיק מיט אַ סאַזשען. אַ „סאַזשען״ איז אַזאַ דרײַשפּיציקע הילצערנע מאָס ווי אַ צירקול. דער אַלטער — אַ באַרעדעווערדיק, קליינוווקסיק מענטשעלע מיט אַ ווײַס צעפּאַטלט בערדל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטן לײַוונטן העמד און לײַוונטענע מאַטקעס, און האָט קוים דערלאַנגט ביזן אייבערשטן שפּיץ פון זײַן צירקול.

— אַ־נו, אַ־נו, מוידן, באַווײַזט נאָר, וואָס האָט איר דאָ אָנגעאַרבעט! — איז ער צוגעשפּרונגען ווי אַ פויגל, זיך אַרומגעטראָגן מיטן סאַזשען איבער די כאַלאָקים און אויסגעמאָסטן, ווער וויפל ס׳האָט געמאַכט פאַרן טאָג. איך האָב געוואַרט אָף אים מיט אַ ציטערנדיק האַרץ. ענדלעך איז ער געקומען אויך צו מײַן כיילעק. ער האָט אָנגעהויבן פונעם וועג און איז אוועקגעשפּרונגען צום שפּענדעלע, וואָס איך האָב אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד באַם סאָף פון מײַן אַרבעט. איך בין אים נאָכגעלאָפן. אַלע מיידלעך — נאָך אונדז.

— און דאָס איז נאָך וואָס פאַר אַ מין? ווער האָט עס דאָ אַזוי ווינציק געמאַכט?! — האָט זיך צעבייזערט דער אַלטער.

איך בין אָבער געווען הײַנט צופרידן מיט זיך און קיין ביזאָיען איז מיר ניט געווען, אַפילע קיין טראָפּן. פאַרקערט די מײַסע: וואַרט נאָר,

ווארט, כ׳וועל נאָך דערוויזן, מירן נאָך מאָרגן אַ קוק טאָן, אַף וואָס איך בין פייִק! אָבער איצטער ארויסווײַזן מײַנע געפילן האָב איך ניט געוואָלט און האָב צוגעשוויגן.

— ס׳איז סלאווקע, דאָ׳ט סלאווקע געאַרבעט! — איז מיט אַן עפנטלעכער האנאַע ארויסגעשפרונגען שורקע פּאַליאַקאָווע.

— ווע־ער? — האָט ניט פארשטאנען דער אלטער. — א־אַ! — האָט ער מיך איינגעזען און איבערגעמאָסטן מיט זײַן שטעכיקן קוק פון קאָפּ ביז די פיס. — אַ נײַינקע? פון די יידן. נו, נישקאָשע, נישקאָשע. — ער האָט אוועקגעלייגט זײַן אויסגעטריקנטע האנט מיר אפן אקסל, און צו די מיידלעך:

— זי׳ז דאָך ניט געוווינט צו קיין פעלד־ארבעט.

די כעוורע האָבן געשוויגן. ער אויך. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אָפּקלאנג פון אומפארשטענדלעכן ראכמאָנעס:

— זי׳ט זיך אויסלערנען...

סאמאָילאָוו האָט אלעמען אויסגעשריבן צו קוויטלעך, אונטערגעכאפּט זײַן סאזשען און זיך אוועקגעאײַלט ווײַטער.

אהיים זײַנען מיר געגאנגען פריילעכער, ווי צו דער ארבעט. זיך געכאָכמעט, געלאכט.

— און סלאווקע האָט זיך געפּלאָנטערט אין עק, — האָט גיפטיק אונטערגעשטאָכן שורקע.

— האָב איך דאָך די קליינטשקע גרעזעלעך אויך געריסן, ווי מ׳ייעט מערן. — כ׳האָב דאָס אונטערגעטראָגן, ווי אַן אויסערגעוויינלעך פריילעכע זאך, און איצט איז מיר אליין טאקע אויך איינדערעמעסן געווען זייער לעכערלעך.

— טוט נאָר אַ טראכט, ווי מערן! און דאָס איז דאָך ברויט, ווייץ.

מיר האָבן זיך גוט אָנגעלאכט ביז עמעצער האָט פאָרגעלייגט:

— מיידלעך, לאָמיר עפּעס זינגען!

אלע האָבן טייקעף אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און פריילעך פארצויגן:

פּאָ דאָלינאם אי פּאָ ווזגאָריאם
שלאַ דיוויזיאַ ופּעריאָד...

איך האָב זיך געפּלײַסט, דאכט זיך, מער פון אלעמען. קיין שטים אַף צו זינגען האָב איך ניט געהאט, אָבער דאָס האָט מיר גאָרניט געשאט,

און איך האָב געשריִען מיט אלע מײַנע קויכעס. כ'האָב זייער געוואָלט, אַז די באָבע זאָל נאָך פונדערווײַטנס דערהערן מײַן געזאַנג, אַז בא אונדז אין דער היים זאָלן אלע דערפילן, אַז דאָס גיי איך פון דער ארבעט. אַזוי, זינגענדיק, זײַנען מיר דורכגעגאַנגען דעם קאָלאָוואָראַט, אַרײַנגעקומען אין דאָרף, אויסגעמיטן אונדזער שטוב, כ'האָב זיך אַפילע ניט פאַרהאַלטן באַם פלויט! איצטער האָב איך באַזונדער פון אלעמען ניט עקזיסטירט. ס'זײַנען געווען מיר, מיר האָבן זיך אומגעקערט פונעם פעלד. און מיר האָבן געזונגען. כ'האָב נאָר זייער געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל מיך אַזוי אָנקוקן, אָדער די באָבע. אָדער כאָטש דווירקע לעכאָלהאַפּאַכעס. אַזוי זײַנען מיר פאַרגאַן אַפן קאָלווירטישן הויף און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א ריי בא די טרעפּ צו דער ברייטער טיר פונעם שײַער. אַף דער טיר איז געהאַנגען א שווערער פאַרזשאַווערטער שלאָס, ווי א שאָל די גרויס. געוואַרט האָבן מיר ניט לאַנג. פון דער קאָנטאָר איז אינגיכן געקומען דער אלטער מוסיטש. געווען איז ער ניט איבעריק גרויס, אָבער ברייטביינער־דיק, מיט א גרויסן קײַלעכדיקן קאָפּ. זײַן בלאָס פּאָנעם איז באַברעמט געווען מיט א רויטער קודלאַטער באָרד, אַפן קאָפּ — א הויך זומערדיק היטל מיט א צעבראָכענעם דאַשעק. זײַן לאַנג לײַוונט העמד האָט, ווי בא אלעמען אין דאָרף, געהאַט א געל־ברוינעם קאָליר (די לײַוונט, וואָס מ'פלעגט דאָרטן אויסאַרבעטן מיט די הענט, האָט מען אַמיינסטן געפאַרבט מיט ציבעלע־שאָלעכץ). ער איז אונטערגעגאַרטלט געווען מיט א קאָלירט פּאַ־סיקל. צום פּאַסיקל איז צוגעבונדן געווען אַן אומגעלומפּערט גרויסער שוואַרצער שליסל. אים האָט זייער געפּאַסט זיך פּאָרען מיט אַזוינע גרויסע און אויסערגעוויינלעכע זאַכן, ווי אָט דער שלאָס מיטן שליסל. ער האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס, אוועקגעלייגט אים אין א זײַט און מיט פאַרגעניגן צעשפּרייט די ברייטע סקריפּענדיקע טיר פונעם שײַער.

פון אינווייניק האָט אַף אונדז אָנגעשטעלט אירע קויל־שוואַרצע אויגן א געדיכטע רויִקע פינצטערניש מיט א געהיים־זאַטן רייעך פון טוווע. די טוווע האָט שוין פון לאַנג דאָ ניט געווויינט. פונקט ווי מײַן אלטער זיידע פלעגט אין די אמאָליקע יאָרן בוידעק כאָמעץ זײַן יעדן ערעוו פּייסעך, פלעגט מען בייס דער מילכאָמע ריין אויסראַמען פונעם שײַער אלץ נאָך ווײַט פאַרן זומער. אַצינד איז קיין סימען פון ברויט דאָרט ניט געווען און ביז דעם נײַעם האָט מען נאָך געדאַרפט דערלעבן. נאָר דער געדיכטער רייעך פון טוווע, איר זאַטער גערוך האָט זיך פאַרגריבלט אין אלע שפּאַלטן

און שפּעלטעלעך, זיך אײַנגעזאַפּט אין יעדער ברעט און פּלאָקן, פֿאַרקליבן זיך אונטערן דאַך. ער האָט זיך אַקשאָנעסדיק געהאַלטן אין שײַער מיט דער האָוטאַכע, אַז די באַלעבאָסטע, די גאָלדענע דופּטיקע טװע, װעט זיך נאָך אומקערן אַהער, און מוסיטש מיט זײַן גרויסן שליסל האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט, װי אַ געהײמער שומער פֿון אַט אָ־דעם געשמאַקן רײעך. און דאָס, װאָס ער האָט געטאָן, האָט נאָר באַשטעטיקט זײַנע צוײ־בערלעכע מעגלעכקײטן.

מוסיטש האָט אַנידערגעשטעלט אין כאָלאָל פֿון דער טיר אַ טישל, אױף דעם טישל אַ װאָג מיט אַ פּאָר צעקנײטשטע מעשענע טעלער, גע־װיכטן. צולעצט איז אױפֿן טישל דערשינען געװאָרן... אַ גרויסאַרטיק, דופּ־טיק, קײַלעכדיק לעבל ברויט. ברויט! ניט קײן פּלעצל פֿון קראָפּעװע. ניט קײן פּלעצל פֿון געפּרוירענע קאַרטאָפֿל. ברויט... מוסיטש האָט גענומען אַ גרויסן מעסער, אַ שפּיל געטאָן זיך מיט דעם, צוליב װאָס ער איז טײ־קעף ענלעך געװאָרן צו באַרמאַלײען, און האָט הילכיק אויסגערופֿן:

— נו, װער איז דאָרט פֿריִער? גײט צו!

די ערשטע איז צוגעגאַנגען רײַקע מאַראַזאָװע און האָט אויסגע־שטרעקט צום אַלטן די האַנט מיט איר קװיטל פֿון סאַמאָילאָװן. דער האָט דאָס גענומען, אַ בליק געטאָן אינװײניק און אַ שלײַדער געטאָן אױף דער װאָג אַ פּאָר געװיכטלעך. דערנאָך האָט ער, װי אַ קישעפּמאַכער, אַ שניט געגעבן דעם לאַבן ברויט און אָװעקגעלײגט דאָס אָפּגעשניטענע שטיקל אױפֿן לײדיקן טעלער. די װאָג האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און גלײַך אײַנ־געשטילט געװאָרן. פֿינקטלעך זעקס הונדערט גראַם. רײַקען האָט מען פֿאַרעכנט אַן אַרבעטסטאָג מיט אַ פֿערטל און איר איז געקומען דערפֿאַר אַ פּולע מאָס. נאָך איר זײַנען צוגעגאַנגען אַלע איבעריקע. װאָס נענטער איך האָב זיך צוגערוקט צו דער װאָג, אַלץ שטאַרקער האָט מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ. ענדלעך, איז אָנגעקומען אויך מײַן רײ. מוסיטש נעמט בא מיר צו דאָס פּאַפּירל, קוקט אַרײַן אינװײניק, דערנאָך אױף מיר, װידער אינװײניק (די נעשאָמע װערט מיר דערװײַל אָפּגעריסן), ער זאָגט ניט קײן װאָרט, פֿאַרבײַט די געװיכטן און דערלאַנגט מיט דער האַנט אַ גאַנצן, נאָך ניט קײן אָנגעהויבענעם לאַבן. איך באַקום אויך, װי רײַקע, אַ קרײַ־טשיק. דאָס דופּטיקע שטיקעלע ברויט מיט קלײַען װײַזט זיך מיר אויס גאַנץ מאַמאָשעסדיק. אויב אין דער הײם זאָרגפֿעליק אָנשנײַדן דאָס אױף קלײנע ריפּטעלעך, װעט יעדערן אָנקומען אַ כײלעק. נאָר שנײַדן דאָס איז

אן אווירע — עס שמעקט אזוי גוט. ס׳האלט נאָך אין זיך די לעבעדיקע ווארעמקייט פונעם אויוון און ווארעמט מיר די האנט אזוי אָנגענעם. מיט א פּאָר יאָר צוריק אין דער היים, פאר דער מילכאָמע, אז מ׳פלעגט דער־לאנגען כאלע צום טיש, איז געשמאקער פון אלץ געווען די „שישקע״ — אזוי האָט מען דאָס גערופן בא אונדז. א „שישקע״ פלעגט זיך באקומען בייס דאָס גוט איבערגעקנאָטענע און אופגעגאנגענע טייג פלעגט זיצן אין אויוון. פון דער היץ פלעגט דאָס טייג זיך אין איין זײַט צערעפּען און אזוי פארבאקן ווערן מיט א „רײַבעלקע״, ווי א פּײַל. אָט אזא שטיקל „שישקע״ האָט מיר הײַנטיקס מאָל אײַנגעטיילט מוסיטש.

געגאנגען אהיים בין איך מיט די מיידלעך איניינעם. מײַן פּארדינסט האָב איך געטראָגן אף דער דלאָניע. דער שארפער גערוך האָט מיך אופ־גערודערט ביז גאָר: עס האָט געברייצט די נאָזלעכער, ארויסגעבראכט מיך פון די קיילים. ס׳איז מיר מאמעש אויסגעגאנגען דאָס כּיעס, אזוי האָט זיך געגלוסט א קוויק טאָן מיט א ביסן פרישינקן ברויט. ס׳איז געווען ביז ניט צום אײַנהאלטן זיך פון וועלן אָפּשטשיפּען כאָטש א ברעקעלע פונעם קרײַטשיק.

נאָר אזוי זיך באגיין איז מיר אויך געווען אן אווירע און איך האָב זיך גוויווער געווען, מאכמעס שטארקער פון אלץ האָב איך איצטער גע־וואָלט, אז די מאמע, די באָבע, דווירקע זאָלן אָנקוקן די שיינקייט גאנ־צערהייט, אזא ווי איך האָב זי פארדינט. כ׳בין מיד געווען ניט נאָר פון ארבעט, נאָר אויך פון די געפילן, וואָס האָבן מיך איבערפולט. איך בין געגאנגען אהיים אן אויסגעמאטערטע, אָבער א בארויִקטע, און ס׳איז מיר אפילע געווען א קאפּעלע אומעטיק, וואָס אָ־דער לאנגער־לאנגער, אָנגע־שטאָפּטער מיט אײַנדרוקן טאָג פארענדיקט זיך שוין.

מײַן כיילעק ברויט האָב איך שטיל אנידערגעלייגט לעבן דער מאמעס אף אונדזער אלטן, ניט געפארבטן, פריש אויסגעשאָבענעם טיש. זיך פרייען מיטן פארדינסט האָב איך דעם אָוונט קיין קויעך שוין ניט געהאט...

געשלאָפן בין איך יענע נאכט שטארק. ווי נאָר כ׳האָב צוגעמאכט די וויִעס, האָבן זיך מיר געשטעלט פאר די אויגן אָנבערעגיקע גרינע פעלדער, באשאָטענע מיט געלע קווייטן. כ׳בין טייקעף ארײַנגעפאלן אין א טיפן שלאָף אָן קיין שום כאלוימעס. דעם פרימאָרגן האָב איך, פארשטייט זיך, פארשלאָפן. אופגעכאפּט האָב איך זיך פון א שטארקן קלאפּן אין פענצטער.

דער בריגאַדיר מאַזשערין האָט געקלאַפּט מיטן פּוזשעלע פון זײַן בײַטש און האָט באַפוילן:

— סלאַווקע אײַערע זאָל הײַנט גיין אָפּן פעלד יעטן ווייץ!

— באַלד... באַלד... — האָט זיך מאָדנע צעראַשט די באָבע.

כ'האָב זיך קוים אַראָפּגעלאָזט פונעם אָפּן־אויוון.

— סלאַוווניע, — האָט אַ ביסל צעמישט אויסגערעדט צו מיר די באָבע, — דער בריגאַדיר רופט דיך אָף אַרבעט. ער הייסט דיר גיין אָפּן פעלד.

אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט טרערן. נאָר מיר ווילט זיך גלייבן, אַז דאָס זײַנען געווען ניט קיין טרויעריקע טרערן. דאָס איז געווען גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש.

# סיערקאָ

סיערקאָ איז אַ נאָמען פון אַ פערד. אין די סיבירער דערפער איז אָט דער נאָמען אַזוי ברייט פאַרשפּרייט, ווי, לעמאַשל, סיווקע, וואָראָנוכע אוקעדוימע. אונדזער סיערקאָ איז געווען אַלט און מאָגער. נאָך פאַר דער מילכאָמע האָט ער שוין אופגעהערט טויגן צו פעלד־אַרבעט, און מע האָט אים אָפּגעלאָזט אָף „פּענסיע". גאַנצענע טעג פלעגט ער פרײַ אַרומבלאָנדזשען אַרום דעם דאָרף ניט קיין געפּענטעטער, און זײַנע לאַנגע, צונויפגעקלעפּטע מיט בודזיקעס גראָווע האָר זײַנען אים אַראָפּגעהאַנגען איבער די קורצזיכטיקע אויגן. דערוויַיטערן זיך פונעם יישעוו האָט ער אַפילע ניט געפּרווט. און טאַקע נאָך אַלעמען, ווי ווײַט וואָלט ער געקאָנט אוועקשפּאַנען מיט זײַנע דאַרע ציטערנדיקע פיס דורך די קאָטשקעס און זומפּן?..

די מילכאָמע האָט זיך אָבער אַרײַנגעמישט אויך אין סיערקאָס שטילער עלטער, אַפילע אים איז פאַרשטערט געוואָרן זײַן רו, מאַכמעס אַרבעט אין דאָרף האָט זיך גאָר ניט געמינערט, און אַלע נוצלעכע פערד האָט דער קאָלווירט איבערגעגעבן דער אַרמיי. אָף אונדזער גאַנצן געמייני־שאַפטלעכן פאַרמעגן זײַנען פאַרבליבן בלויז דער ווילדער און בײַסנדיקער בײַקאַל, אַ קרומער אָף איין אויג, גניעדקאָ מיט דער אָפּגעבערענטער זײַט,

די הינקענדיקע וואָראָנוכע און עטלעכע לאָשעקלעך. נו, און דער זאָקן סיערקאָ האָט געוויס געטויגט פאַר אַ ראָש פון אָט דער גאַנצער כאַליאַסטרע. ער האָט עס בעפֿיירעש אָרנטלעך פאַרדינט, און מע האָט אים טאַקע אָנגעטאָן דעם קאָוועד, די צוים הייסט עס. אַזוי אַז אַף דער עלטער איז סיערקאָ ווידער צוניץ געקומען.

אין איינעם אַ זומערדיקן פרימאָרגן קומט פּלוצעם צו אונדז אַפֿן פעלד, ווי אַ טוץ אָנדערהאַלבן מיידלעך האָבן זיך צונויפגענומען צו יעטן קאַרטאָפל, אונדזערע אַ קאָלווירטניצע שורע וואַראַקסינע. זינט ס׳האָט זי געטראָפן דער גרויסער אומגליק — די שוואַרצע יעדיִע פונעם פראָנט, אַז איר מאַן איז אומגעקומען, איז זי געוואָרן גאָר ווייניק באַריידעוודיק און האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך. הײַנט איז איר פּאָנעם פאַרמאָרעשכוירעדיקט נאָך מער, ווי אַלע מאָל. מיט זיך האָט זי געבראַכט צו פירן סיערקאָן און האַלט אים איצט צו פאַר אַ לייצע. ביז אַהער האָט מיט איר געאַרבעט וויטקע שעסטאַקאָוו, אונדזערער אַ דאָרפס־ייִנגל פון אַ יאָר דרײַצן. ער איז געווען אַ שטילער באָכער און פלעגט זיך טאָמיד האַלטן באַזונדער. צווישן אונדז האָט ער קיין נאָענטע כאַוויירים אָדער כאַווערטעס ניט געהאַט — די כעוורע האָבן זיך צו אים באַצויגן גלײַכגילטיק. הײַנט איז דער יאַט ניט אַרויס צו דער אַרבעט: זײַן מוטער האָט אים איבערגעלאָזט אין דער היים באַאַרבעטן זייער אייגענעם גאָרטן, און שורע איז דעריבער געבליבן אָן אַ געהילף. שטייט זי דאָ אַ באַצאָרנטע און באַטראַכט יעדן איינעם פון אונדז מיט אומצוטרוי.

— נו, מוידן, ווער נעמט זיך אונטער סיערקאָן פירן? — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אַלעמען מיטאַמאָל.

קינדער פאַלן ניט אין כאַלאָשעס פון אומדערוואַרטע בסורעס, נאָר איך, אַז כ׳האָב דערהערט, מיט וואָס שורע איז צו אונדז געקומען, האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן דערפון. אַלנפאַלס, ניט גוט איז מיר געוואָרן מאַמעש. הערט נאָר אַ מײַסע, אַרבעטן באַ אַ פערד! וואָס פאַר אַ פאַרגלײַך קאָן דאָס זײַן מיט יעטן קאַרטאָפל?! אַזאַ אומפאַרווירקלעכבאַרער געדאַנק האָט מיך ניט באַזוכט אפילע אין כאָלעם. און ס׳האָט זיך מיר אַזוי פאַרגלוסט... כ׳האָב אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז איך, אַ קליינוואוקסיק שטאָטיש מיידעלע, קאָן ניט בײַשטיין קעגן די פויערטעס און אַז אַף מײַן כיילעק בלײַבט קיין שום האָפענונג ניט. דאָ וועט ניט העלפן, ווען זיי ווייסן אפילע, אַז מיט פערד בין איך געווינט פון פּיצעלעווײַז אָן, אַז כ׳האָב זיי

ליב בעלעוו וועגעפעש און אז כ׳קאָן רײַטן בעסער פון זיי אלעמען אינײי־
נעם. האקלאל, זיי זײַנען אלע אוואדע בילכער. ביפראט, אז קיינער ווייסט
וועגן מיר גאָרניט, און כוץ אלעמען — וואָס פאר א שײַכעס קאָן דאָס אלץ
האָבן צו פעלד־ארבעט? ס׳איז מיר געוואָרן זייער פארדראָסיק.

ס׳האָט מיר אָבער אָפּגעגליקט. צו מײַן גרויסן כידעש האָבן די גרע־
סערע מיידלעך זיך מאָדנע איבערגעקוקט און ניט ארויסגעוויזן קיין שום
כיישעק צו שורעס פאָרשלאָג. די קלענערע, קוקנדיק אף זיי, — אויך דאָס
זעלבע. קיינער האָט זיך ניט געכאַפּט געבן זײַן האסקאָמע. איך האָב דאָס
ניט געקאָנט באַנעמען. פארוואָס רײַסן זיך ניט די מיידלעך צו שורען?
נאָר אליין האָב איך אויך געשוויגן — פאר מוירע, טאָמער זאָגט מען מיר
אָפּ.

און סיערקאָ איז געווען אזוי גרויס!..

כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט, ווי א ביקסל, יעדער אייווער אין מיר
האָט געציטערט. די ווײַלע איז מיר געוואָרן צו גרויס, איך האָב ענדלעך
ניט אויסגעהאלטן, זיך אָנגענומען מיט מוט און קוים ארויסגעקוועטשט
דורך די ליפּן:

— מומע שורע, נעמט מיך...

שורע האָט מיט צווייפל א קוק געטאָן אף מיר און זיך ווייניק וואָס
דערפרייט.

— און קיין מוירע וועסטו ניט האָבן?

— ניין, מומע שורע, איך קען...

— נו, סײַדן אזוי. אויב דו קענסט...

דער צווייפל איז געבליבן ליגן באַ איר אפן פּאָנעם, נאָר אזוי ווי קיין
אנדער ברייערע האָט זי ניט געהאַט, האָט זי מיך אונטערגעזעצט פאר א
פּוס אפן ברייטן מאָגערן רוקן פונעם פערד און ארײַנגעטאָן מיר אין די
הענט דעם שטעכיקן שטריקלנעם צוים.

סיערקאָ האָט מיך גוט געפאָלגט און האָט גערן געשפּאַנט צווישן די
בייטן. שורע האָט זיך שווער אָנגעשפּארט אף די הענטלעך פונעם אקער.
אזוי, שווײַגנדיק, זײַנען מיר דורכגעגאַנגען פון איין עק פעלד ביזן אנ־
דערן, זיך אויסגעדרייט צום צווייטן בייטל און ווײַטער געגאַנגען. מיר
האָבן ארומגעגראָבן קאַרטאָפל. באַם דריטן בייטל האָבן מיר זיך ווידער־
אמאָל אויסגעקערעוועט, און שורע האָט שטיל דורכגעזיפט צווישן די ציין:

— זע נאָר, זי פאָרט...

זי איז ווײַטער אנשוויגן געוואָרן, און אזוי, שטילערהייט, האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער ארבעט. אינעם פינפטן בייטל האָט זיך סיערקאָ פלוצעם אָפּגעשטעלט. כ׳האָב אים א שמיץ געגעבן מיט א רוט, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. כ׳האָב זיך אראָפּגעגליטשט פון זײַן רוקן און אים א צי געטאָן פאַר דער צוים — קיין שום אײַנדרוק. איך האָב זיך גוט אָנגעשפּארט מיט די באָרוועסע פיס אין דער ווייכער ווארעמער ערד און מיט אלע קויכעס גענומען שלעפּן דעם פערד צו זיך פאר בײדע לייצעס. סיערקאָ איז געשטאנען! כ׳האָב זיך געווענדט צו אים מיט גוטן און מיט בייזן, כ׳האָב אים געבעטן און האָב אף אים געשריִען, געגלעט אים און אײַנגערעדט מיט די איידלסטע ווערטער — ס׳האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפן: די אלטע שקאפּע, דער לעבעדיקער מעס, דער רועך ווייסט וואָס סיערקאָ איז געשטאנען אומרירבאר מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט אפילע ניט געטראכט וועגן גיין ווײַטער, גלײַך ווי ניט אים האָט מען געמיינט. אלע מײַנע היספּײַלעס האָבן ניט געהאט קיין שום קיִעם. לעגאמרע. שורע איז געשטאנען דערבײַ און האָט די גאנצע צײַט געדולדיק געוואַרט, פארטיפט אין אירע אייגענע שווערע געדאנקען. איין מאָל נאָר האָט זי א קוק געגעבן אין מײַן זײַט פון אונטער די ברעמען און האָט א בורטשע געטאָן מיט א שמייכל:

— ווי זשע, אָט כאפּט ער זיך פּאָלגן דיך פאר דײַן „זײַ אזוי גוט!" ער איז גאָר צו אנדערע ווערטער געוווינט...

כ׳האָב אוואדע געהערט, ווי ס׳טרײַבן אָן פערד די דאָרפס־קינדער, אָבער איך האָב דאָך ניט געקאָנט ברענגען פארן מויל אזוינע ווערטער! און סיערקאָ איז געשטאנען, ווי אן אײַנגעגראָבענער סטויפּ, ווי א קו צום מעלקן. כאָטש שרײַ כײַוועקײַעם. איך האָב שיר ניט געוויינט. און דאָ האָב איך פארשטאנען, אז ס׳וועט מיר ניט העלפן קיין כאָכמעס. איך בין בארויגעז געוואָרן, זיך אונטערגעהויבן אף די שפּיץ פינגער, האסטיק מיט בײדע הענט ארומגעכאפּט סיערקאָס גרויסן ביינערדיקן קאָפּ, גוט זיך צוגעטוליעט צו אים און... בעסאָד אײַנגערוימט אים גלײַך אין אויער ארײַן דאָס, וואָס ער האָט אזוי באגערט צו דערהערן. נו־נו!.. מע וואָלט שוין געמעגט זײַן דערבײַ. ס׳איז שוין דאפקע געוועזן אף וואָס צו א קוק טאָן. פונקט ווי א שלאכט־פערד, וואָס האָט דערהערט דעם קאָל פון א שלאכט־האָרן, איז סיערקאָ אופגעלעבט געוואָרן. ער האָט זיך א ריס געטאָן פון מײַנע הענט, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, זײַנע ציטערנדיקע אונטערגע־

בויגענע פיס האָבן זיך אויסגעגלײַכט, און ער האָט זיך געלאָזט גיין. אָבער נאָך אַ מין גיין! כ'האָב קוים באַוויזן צו לויפן פונפאַרנט און זיך ניט דער־לויבט אפילו קלערן פון זעצן זיך רײַטנדיק — טאָמער בלײַבט ער ווידער־אַמאָל שטיין.

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט שורע געזאָגט:

— נו, מיידל, איצט ביסטו בײַ מיר דער קאָניוך. זאָרג זיך וועגן דעם פערד, — און איז אַוועק.

גרינג איז שורען צו זאָגן: „זאָרג זיך". גוט איז איר, וואָס זי'ז אַ דערוואַקסענע און ווייסט אַלצדינג. אָבער מײַן גאַנצע טוירע בענוגייע צו פערד איז באַשטאַנען ניט מער ווי אין קענען שיין האַלטן זיך אין אַ זאָטל. איז קיין זאָטל ביכלאַל ניט געווען, און וואָס דאַרף מען טאָן מיטן פערד ווײַטער, האָב איך ניט אָנגעהויבן צו וויסן. כ'האָב זיך געלאָזט פאַרן אַהיים.

מײַן אומקערן זיך אין דאָרף איז ניט דורכגעגאַן אומבאַמערקט. דער ערשטער האָט מיך דערזען מײַן כאַווער ליאָנקע. ער האָט זיך געייסעקט מיט זײַנע ייִנגלשע איניאָנים און האָט זיך גראָד געקליבן גיין אַהיים. דערזעענדיק מיך אויפן פערד, איז ליאָנקע נישטוימעם געוואָרן. אַ פּאַרקי־שעפּטער, האָט ער מיר נאָכגעקוקט עטלעכע ווײַלעס און פּלוצעם, ווי זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט, מיך דעריאָגט און אַ גרויס שטיקל וועג געגאַנגען לעם מיר. פון אונטן אַרוף האָט ער גע־וואָרפן אויף מיר אַנציקטע בליקן און האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, ווי אײַנגענומען שטומעניש. איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און האָב אויך געשוויגן, גלײַך ווי ער איז ניטאָ דערבײַ. אָבער פון אַלע מײַנע דער־פאָלגן פאַרן טאָג בין איך בײַ זיך אַליין גאָר גאָדלדיק געוואָרן און צוליב ליאָנקען, ניט קוקנדיק אויף מײַן מידקײַט נאָכן שווערן אַרבעטסטאָג אין פעלד און ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף די גרויסע, איידל געזאָגט, אומבאַ־קוועמלעכקײַטן פון רײַטן אָן אַ זאָטל, האָב איך זיך שטאָלץ אויסגעגלײַכט אויפן פערדס רוקן און דערבײַ אפילו פאַרגעסן אויף אַ רעגע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די כײַע פון אונטער מיר. איך האָב געריטן — און דאָס איז געווען דער איקער.

בײַם טויער פון אונדזער הויף האָט מיך ליאָנקע געפרעגט מיט גרויס אָפּשײַ:

— איצט פאָרסטו אים אָנפויען, יאָ?

אָ, דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך נוצלעכע פראַגע (באַכע־רים — זיי זײַנען שטענדיק באַקי אין אַזעלכע זאַכן).

— אַוודאי אַנפּויען, — האָב איך אים אָפּגעענטפערט, גלײַך ווי כ׳וואָלט מײַן גאַנצן לעבן נאָר מיט דעם זיך פאַרנומען, און ליאָנקע דערלויבט זיך נאָך האָבן אַ סאַפּעק. און געקלונגען האָט מײַן ענטפער, ווי דער באַרימ־טער אָדעסער „אַ שאלע?!".

ליאָנקע איז ווידער אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט באַ מײַן רעכטער פוס און האָט זיך געפּלײַסט ארײַנקוקן מיר אין פּאָנעם. פאַר אָפּשײַ האָט ער ניט געוואַגט ווידער זיך ווענדן צו מיר, נאָר די גרויע אויגן זײַנע האָבן זיך אָנגעצונדן מיט הייסער געטרײַשאַפט, און דער קוק איז געוואָרן אויסדריקלעכער פון צענדליקער ווערטער.

— לאָז מיך, איך וועל אַנפּויען סיערקאָן, — האָט ער ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן.

אַלצדינג — דאָס באַליבטסטע ביכל, מײַן בעסטע שפּיל, דאָס מעסערל, דאָס לעצטע פּיצל ברויט — קיין זאַך וואָלט איך ניט געזשאַלעוועט פאַר ליאָנקען, ווען ער בעט עס באַ מיר אַזוי, אָבער סיערקאָן... דאָס איז שוין געווען העכער פון מיר. סיערקאָן אײַנשטעלן האָב איך פּאַשעט ניט גע־טאָרט. מאַכמעס ווער דען נאָך פון מײַן גאַנצער סוויווע כאַוויירים און כאַ־ווערטעס האָט געהאַט אַזאַ ערנסטע אַרבעט, ווי איך? ניין, איך בין גאָר ניט בעקויעך געווען זיך גויווער זײַן און עמעצן פאַרטרויען סיערקאָן, אַפילע ליאָנקען. האַקלאַל, אין יענעם פאַרנאַכט האָבן מיר זיך מיט ליאָנ־קען דאָס ערשטע מאָל צעקריגט.

צום טײַך האָב איך סיערקאָן געבראַכט אַליין. די ברעגן פונעם טשו־זיק זײַנען זומפּיקע, און איך האָב שרעקלעך מוירע געהאַט, טאָמער זינקט ער דאָרט אײַן און איך וועל ניט קאָנען אים פונדאָרטן אַרויסשלעפּן. מיר האָבן לאַנג געזוכט אַ פּאַסיק אָרט, ביז כ׳האָב אים סאָפּקאָלסאָף געבראַכט צו דער וואַסער. סיערקאָ האָט אײַנגעגעצט זײַנע ווייכע וואַרעמע ליפּן אין דער ציכטיקער וואַסער און האָט לאַנג מיט פאַרגעניגן געטרונקען. איך בין אויך אַרײַן אין טײַך ביז די קני. דער אָפּדערנאַכט איז געווען זייער שטיל. טשוזיק האָט רויק געטראָגן זײַנע אָנגעוואַרעמטע פאַרן לאַנגן זומערדיקן טאָג וואַסערן דורך די זומפּן, פעלדער און וועלדער צום גרויסן, ברייטן טײַך אָב. די שקיִע האָט געבערענט מיט העלע פריילעכע קאָלירן.

זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואסער, און דאָס טײַכל איז ראָזעווע גע־וואָרן דערפון, ווי אף א פאנטאסטיש בילד. סיערקאָ האָט זיך אויך פאר־רויטלט און האָט אויסגעזען א סאך ייִנגער, שטאלטנער, מיט א פלאמענ־דיקער גריווע. פינקלענדיקע טראָפּנס האָבן זיך שווער געשמיצט אין וואַ־סער ארײַן פון זײַנע ליפּן בעשאס ער האָט געפאָרשקעט. „הא, צוקער א שטיקעלע ווען מע גיט אים אצינד", — האָב איך א טראכט געטאָן און האָב זיך געכאפּט באם געדאנק, אז אזא לוקסוס האָבן מיר בא זיך אין שטוב שוין א גרויסע צײַט ניט געזען.

אף דער וויזע בא דער אַלטער מיל האָב איך אראָפּגענומען פון סיער־קאָן דאָס שפּאן־געשיר און מיט א שטיקל הארטער האָריקער שטריק גע־פּענטעט אים די פאָדערשטע פיס, קעדיי צו פארשפאָרן גאנצפרי אים ארומלויפן זוכן. שלעכט געפּענטעט, ניט באלמעלאָכיש, מאכמעס בעסער האָב איך ניט געקענט. און אפן באלכײַ איז מיר געווען א ראכמאָנעס: אזא אײַזערנעם טאָג אָפּגעהאָרעוועט, צי דען האָט ער נאָך הײַנט ניט פאַרדינט קיין אָפּרו? און כוץ דעם האָב איך זיך נאָך געהיט פאר זײַנע פיס אויך — ער זאָל מיך, כאָלילע, ניט מאזיק זײַן. דערנאָך האָב איך ארופגעוואָרפן אף זיך דאָס שפּאן־געשיר און שווער אוועקגעשפאנט אהיים.

סיערקאָ איז פון יענער וויזע אין ערגעץ ניט אוועק. ניט יענץ מאָל, ניט שפּעטער. א פריילעכע איז זי געווען, די וויזע, א דופּטיקע, מיט הויי־כע, זאפּטיקע גראָזן. מיר האָבן זיך זייער באפרײַנדעט מיטן פערד. ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט מיך פאָלגן. דאָס האָט מיך אָפּגעווענדט א ביסל פון טאָגטעגלעכער פארמאטערטקײַט.

אזוי איז דורכגעלאָפן דער זומער.

אין הארבסט האָבן מיר מיט סיערקאָן געפירט וואסער צו דער דרעש־מאשין, און ווינטער, ווען פאר די פערד איז ניט געבליבן קיין פוראזש, האָט מען סיערקאָן געקוילעט אף פלייש... אונדז האָט מען אויך אײַנגע־טיילט א כיילעק, און דאָס איז געווען אן אויסערגעוויינלעכע זעלטנהײַט — קיין שטיקל פלייש האָבן מיר אין יענע צײַטן ניט אָנגעקוקט לאנגע כאַ־דאָשים. נאָר איך האָב דאָס נישט געקאָנט ניט צוזען, ניט באנעמען.

— נארעלע, — האָט מיך אײַנגערעדט די מאמע, — ער האָט דאָך זײַן גאנצן לעבן געדינט מענטשן. און דאָס... דאָס איז דאָך אויך א נוץ...

אָבער איך האָב דאָס דעמלט ניט געקאָנט אָפּשאצן און האָב זייער ביטער, גאָר ניט ווי קיין עמעסער באלעגאָלע, געוויינט.

# טשוזיק

טשוזיק — דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צו דער מילכאָמע. אי הײַנטיקע צײַטן, ווי אויך מיט אַ סאַך יאָרן שפּעטער, וועלן, גלייב איך, די קינדער פון אונדזער דאָרף אויך פאַרשרײַבן דעם טשוזיק אינעם אלעפבייס פון זייער קינדהײַט. ווײַל מיט אָט דעם איידעלן הינטישן נאָמען האָט מען דאָרטן גערופן אונדזער פריילעך טײַכל. ס׳שטייט מיר הײַנט אויך פאַר די אויגן.

...זומער, יול כוידעש, מיט טאָג. די היץ סאַרפּעט. דאָס לעבן אין דער נאַטור ווערט אײַנגעשטילט. כײַעס און אַנדערע בריִעס באַהאַלטן זיך אויס אין שאָטן, געוויקסן האַלטן באַ כאַלעשן. בלויז בינען זשומען אין די קווייטן און גרויסע בײַסיקע פליגן הודען בייז, שמײַענדיק איבער זייער רויב. טשוזיק דרעמלט, קוים וואָס ער רירט זיך. דאָס וואַסער איז סאַמעט־מילד, און אין זײַן גלאַנציקן אויבערפלאַך שפּיגלען זיך אָפּ די גרינע ברעגן און שיטערע ווײַסינקע וואָלקנדלעך.

איך האָב ליב אין דער שטילער צײַט פון מיט טאָג שפּאַצירן אפן ברעג פונעם טײַכל. פּאַשעט גיין פון דער אַלטער מיל אָן און ווײַטער, אונטער דער אויסגעקרימטער ווי אַ בויגן טשעריאָמוכע, דורך די ווײַמפּערלעך־קוסטעס, און נאָך ווײַטער, וווּ דער געדיכטער סיבירער וואַלד גייט צו צום סאַמע ברעג טײַך... ס׳איז גוט אַרײַנגיין ביז די קני אין דער וואַסער. דער זאַמדיקער גרונט שפּרייט זיך פרײַנטלעך אונטער די פיס, דאָס וואַסער לאַשטשעט ווייך און מילד די צעהיצטע הויט, וואַסער־גראָזן קיצלען אָנגענעם די פּיאַטעס, פּיצעלעך פישעלעך פאַרפירן אַ ריקעדל ארום מיר, און פון דעם אלעם ווערט פריילעך און גוט אפן הארצן. דער רויִקער פלוס פונעם טײַכל שפּאַרט זיך ווייך אָן אין די פיס, גלײַך ווי ער וואָלט אײַנגעלאַדן מיטגיין מיט אים, און איך לאָז זיך גיין. איך גיי פאַרכאָלעמט און מיר דוכט, אַז כ׳בין איינע אליין אף דער גאַנצער גרויסער ליכטיקער וועלט, און אַז דאָס טײַכל איז אַ סוידעספולער וועג פון וווּנדערבאַרע אַנטדעקונגען. אָט־אָ פאַרנט קאָכט אוף דאָס וואַסער מיט אַ פאָנטאַן פון דריבנינקע דימענטענע טראָפּנס און ער צעפּלאַקערט זיך אף דער זון מיט אלע קאָלירן פון רעגנבויגן. דאָס באָדט זיך אַ טשיראָק — אַ קליינינק ווילד ענטעלע. און אָט אפן ברעג שטיפן עטלעכע זומפּ־פייגל — קוליקן.

אָבער מער פון אַלץ האָב איך ליב צו שפּירן נאָך העכט. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מײַן כאַוּוער ליאָנקען. אויב גיין שטילערהייט מיטן ב רעג סאַמע באַם וואַסער און אויפמערקזאַם קוקן אין טײַך אַרײַן, קאָן מען דאָרט אײַנזען לעם די דערטרונקענע וואָרצלען פון ביימער טונקעלע לענ־געכיקע קלעצער, ווי שטיקער האָלץ. זיי שיידן זיך אונטער נאָר לויט דער גרייס. אַלע זעען זיי אויס אַלציינס: טעמפּע עקן פון ביידע זײַטן, איינער — ווי אַ צעקוועטשטער, דער אַנדערער — ווי אַ פאַרשניצטער. דאָס זײַנען העכט. זיי וואַרעמען זיך אויף דער זון. פּאַשעט אַזוי דערקענט מען זיי ניט — אַ שוואַרץ שטיקל האָלץ, און גאָר. אָבער אַז מע קוקט זיך גוט אײַן — גאָט מײַנער, סאַראַ מינע שרעקלעכע בייזע צורעס! זיי ליגן אומ־באַוועגלעך, בלויז די פלוספעדערן זייערע רירן זיך קוים, ווי פון אַ לײַכט זומערדיק ווינטל.

כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר דער אויסזיכט פון אַ פרידלעכן העכט אין דער לויטערער וואַסער פונעם טשוזיק פלעגט טאָמיד מיך אויפרעגן. עפּ־שער דערפאַר, וואָס דער העכט איז געווען דאָ באַ זיך אין דער היים און דאָס איז געווען אַ ווינקעלע פון דער סוידעספּולער אונטערוואַסערדיקער הערשאַפט, וווהין גלאַט אַזוי איז פאַר מענטשן ניט גרינג צו אַרײַנקוקן. ס׳האָט מיר אַפילע געלונגען אַמאָל אײַנצוזען, ווי אַ קליין זילבערן פישעלע האָט שפּילנדיק דורכגעבליצט פאַרבײַ אַ העכט. דער העכט איז ווערליק געשלאָפן, אַלנפאַלס, דאַכט זיך גאָר ניט געקוקט אין דער זײַט פונעם לײַכטזיניקן פישל, און פלוצעם — כאַפּ!.. און אויגנבליק, און דאָס פישל איז ווי גאָר ניט געווען אויף דער וועלט.

מיר האָבן געפרווּוט כאַפּן אָט די שלעפעריקע העכט. קיין האָקנדלעך דערצו האָבן מיר ניט געהאַט, פלעגן מיר מאַכן שלייפן פון פערדישע האָר. די האָר האָבן געדאַרפט זײַן וואָס לענגער, און דעם לענגסטן עק האָט אין אונדזער אומגעגנט פאַרמאָגט בײַקאַל — אַ בלינדלעך נערוועז פערד, וואָס האָט אויך שוין געוויס ערלעך פאַרדינט אַ קאָשערע פּענסיע און איצט, בעיין־ברייראַ, געמוזט אויך זיך מאַטריַעך זײַן צוליב דער מילכאָמע אַרײ־בער די קויכעס. אַלעמאָל, ווען מיר האָבן זיך געקליבן גיין כאַפּן פיש, פלעגט ליאָנקע פּאָליאַקאָוו גיין אויסרײַסן אַ האָר פון בײַקאַלס לאַנגן עק. מיר פלעגן מאַכן פון דער האָר אַ שלייף, אים צובינדן צום שפּיץ פון אַ לאַנג דין שטעקל, און ווײַטער איז די כאָכמע פון כאַפּן פיש באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם שלייף האָט מען באַדאַרפט מיט גרויס פאָרזיכטיקײַט

אונטערפירן אונטער דעם העכטס קאָפּ און געבן אַ גוטן ריס, קעדיי דער שלייף זאָל זיך פאַרציִען אונטער די דעקלעך פונעם העכטס זשאַבערעס. איין מאָל האָט זיך דאָס אונדז איַינגעגעבן אַפילע.

ס'איז פּונקט געווען ליאַנקעס ריי צו אונטערפירן דעם שלייף. ער האָט, אַפּאָנעם, דערפילט, אַז דער פיש איז געפּאַקט, און פון פרייד געגעבן אַזאַ שטאַרקן ריס, אַז דאָס געזילבערטע קליינגל פונעם העכטס קערפּער האָט דורכגעשניטן די לופט, אַ פינקל געטאָן אַף דער זון און שווער זיך געגעבן אַ שמיץ צוריק אין וואַסער אַריַין. דערפאַר וויפל רייד ס'איז דער־נאָך געווען!

— געדענקסט, ליאַנקע, ווי מיר האָבן אַ העכט אַרויסגעכאַפּט? און סאַראַ מין פיש ס'איז געווען, אַ?.. — מיר האָבן נאָך און נאָך זיך געקוויקט מיט די פּראָטים פון אונדזער פישפאַנג, דורכגעלאָזן בעקיוון אַזאַ „אומ־באַדיַיטנדע" איינצלהיַיט, ווי דאָס, וואָס דער פיש איז ניצל געוואָרן, און האָבן זיך איַינגערעדט איינער דעם אַנדערן, אַז ס'האָט אונדז טאַקע אָפּ־געגליקט איין מאָל צו כאַפּן אַ גרויסן העכט...

אָבער כוץ יענעם מאָל האָבן זיך אונדזערע אַלע ניסיוינעס מיט כאַפּן פיש אַלס קלאַל געענדיקט אַלציינס: די פיש פלעגן זיך צעלויפן, און דער שלייף — זיך פאַרטשעפּען פאַר עפּעס און זיך צערײַסן.

מיט טיפער ליבע דערמאָן איך זיך אויך אינעם ווינטערדיקן טשוזיק. קאַיאַר. אין דאָרף פלעגט מען ווינטער־צײַט פרי ניט אופשטיין — מע האָט געזשאַלעוועט קעראָסין. אַפן הימל מערקט זיך קוים אָן דער בלאַסער שפּעטער מאָרגנשטערן. גרויע רויכן שטעקן פון די קוימענס, ווי סטויפּעס, גלײַך אין הימל אַרײַן. די פרישע לופט שמעקט מיט פראָסט. דער שניי סקריפּעט שאַרף, און די בלעכענע עמערס, וואָס איך טראָג, קלינגען אָפּ אין דער פראָסטיקער שטילקײַט ריין און הילכיק.

אַף ווינטער באַהאַלט זיך טשוזיק אונטער אַ דיקער פּוכיקער קאָלדרע פון אײַז און שניי. פון אויבן דערלויבט ער די קינדער זיך שפּילן, זיך גליטשען, און אונטער דער קאָלדרע טראָגט ער זײַנע ציכטיקע וואַסערן — פויל זיך נאָר ניט, שעפּ.

איך האָב ליב גיין נאָך וואַסער די ערשטע, ווען די סטעזשקע צום טײַכל איז נאָך ניט דורכגעטראָטן. אויב אַפילע באַנאַכט איז קיין זאַווער־רוכע ניט געווען, פלעגט די סטעזשקע סײַווי פאַרפּאָראָשעט זײַן מיט דינינקן ווײַסן שניי. וואַסער פלעגן מיר נעמען דאָרט, ווו טשוזיק האָט

דורכגעשוועקט זיך אַ וועג צווישן צוויי בערגלעך. אונדזער בערגל איז העכער. אנטקעגן וואַקסט שוין דער עמעסדיקער וואַלד. די טונקלקייט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט בײַ אים אין דער טיפעניש און וויל בעשום־אופן פון דאָרט ניט אַרויס. דער וואַלד איז אויסערגעוויינלעך שיין: די טאַנען, וואָס שטייען פונפאַרנט, זײַנען אָנגעטאָן אין שווערע האָריקע פעלצן, בערעזעס און אָסינעס שטרעקן אין דער הייך זייערע נאַקעטע הענט, פאַרוויַסטע מיט פראָסט־טוי, די צווײַגן פלעכטן זיך איבער אין אַ מערקווירדיקן געוועב, וואָס לויכט זיך דורך אפן טונקל־בלויען פרימאָרגנדיקן הימל.

איך גיי אַרויס צום טײַך אפן הויכן ברעג, לויף אַראָפּ צו דער פּאָלאָנקע. די עמערס שפּרינגען פריילעך אונטער אַף מײַן קאַראָמיסל. בײַ דעם וואַסער איז דער שניי אויסגעטראָטן מיט קאָלערליי שפורן. מאַמעש אָן אָפענער בוך — נעם און לייען אים. מער פון אַלעמען האָט דאָ אָנגעציילעמט אַ סאָראָקע. זי איז, זעט אויס, געווען ניט אַליין. ...אַ קייטל געהיטע שפּורן פון אַ האָז, צוערשט — רויִקע און ווײַטער — מיט אַ שפּרונג. עמעצער האָט דאָס העזעלע באַומרויִקט? אהאַ! אָט איז ער טאַקע: מיטן עק פאַרקערט די סימאָנים — דער פוקס אַליין, ביכוווידוי אַוועאַצמוי. און פעלד־הינער זײַנען דאָ אויך צוגאַסט געווען...

כ׳האָב שטאַרק כיישעק געהאַט כאָטש אַף איין נאַכט זיך באַהאַלטן ערגעץ לעם דער פּאָלאָנקע און צוקוקן, וואָס דאָרטן טוט זיך. בעסער — די נאַכט פונעם נײַ־יאָר: פאָרט זאָגן די כעוורע, אַז אין דער נאַכט שמועסן זיך איבער אַלע באַשעפענישן צווישן זיך. און שטערן זאָלן שטיין אין הימל. אַזוינע גרויסע און העלע, אַז אַפילע אָן דער לעוואָנע זאָל זײַן פון זיי ליכטיק. אָט וואָלט געווען וווּנדערבאַר! פאַר דער נאַכט איז דאָס וואַסער אין דער אײַז־לאָך פאַרפרוירן געוואָרן. איך בייג זיך אָן נידעריקנידעריק איבערן טונקעלן שפּיגל אינעם ווײַסן רעמל פונעם אײַז־ברונעם און צעשטויס מיטן עמער דאָס אײַז. און מיט כידעש בין איך שוין דורכגעזאַפט דורך־און־דורך! כ׳בין דאָ איינע אַליין. אַרום מיר נישטאָ קיינער. נאָר איך האָב ניט קיין מוירע. דער אַרום איז שטיל־שטיל. איך שטעל זיך אויף פון די קני און שטיי פאַרגאַפט איבער דער אײַז־לאָך. איך וואַרט: טאָמער פלוצעם באַווײַזט זיך פון דאָרט דער וואַסער־שעד אָדער עפּעס אַן אַנדער מין ווונדער. דאָס האַרץ הייבט אָן זיס קלעמען און דעם גאַנצן גוף נעמט אַרום אַן אָנגענעמע מאָרעשכוירע.

צוריק גיי איך פאוואָליע, איַינגעבויגן אונטער דער שווערקיַיט פון די צוויי פולע עמערס. דאָס וואסער שאָקלט זיך אין די עמערס, און די געטראָפּענע אהין שטיקעלעך איַיז ריַיבן זיך שטיל אינעם בלעך. אין הימל פארנעמט זיך דער מאָרגנרויט, צוזאָגנדיק א שיינעם פראָסטיקן טאָג. גוט — א מעכיַיע!

ניין, ס'איז גאָר ניט קיין כּיעוו, אז טשוזיק זאָל זיַין אומבאדינגט פונעם אלעפבייס פון א מילכאָמע־ציַיט־קינדהיַיט. נאָר אָנעם טשוזיק איז פאר מיר גופע מיַין קינדהיַיט־לאנד ביכלאל ניט געמאָלט.

● ● ●

# אינהאלט


דער באלעבאָס איבערן אופּריַיס . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

דער אלעפבייס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19

מיַין געבורטסטאָג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 23

ראכמאָנעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 25

א פארביסענער אלטער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 30

דאָס ערשטע פעלד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 37

סיערקאָ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 52

טשוזיק . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 59

ב ר אָ כ ע און אר ן ב ו ר ש ט י י ן

דאָס ערשטע פעלד

(דערציילונגען און פארצייכענונגען)
מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1980, 64 זײַטן

הילע — ג. ק ר א ו וּ צ אָ ו
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאקטור —
ס. ט ש ע ר נ י א ק
קאָרעקטאָר — ב. ג ע ר ש מ א ן

**Б. и А. Бурштейн**

ПЕРВОЕ ПОЛЕ

(очерки и рассказы)

М., «Советский писатель», 1980, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса

Художник Г. Кравцов

Художественная и техническая редакция
С. Черняк

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.I-1980. Подписано к печати 14.II-1980. Формат 70×108 1/32.
Бумага типографская № 1. Печ. л. 2. Условн. печ. л. 2,74. Бум. л. 1.
Заказ 1972.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 4, 1980



© Журнал «Советиш геймланд», 1980.